STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06110

DI IDISHE BRODVEY

Aaron Loeb Baron

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. ל. בַּארון

א. ל. באַראָן

די אידישע

בראָדוויי

און אַנדערע לידער

BROADWAY
and Other Poems

Copyright by
A. L. BARON
1949

Reproduction—in any form—subject
to permission by the publisher.

ANNA BARON, Publisher
175 East Broadway, New York

Printed by Futuro Press, Inc.
476 Broadway, New York

200

אינהאַלט:

זייט

בראָדוויי — 53
געזאַנגען פון בראָדוויי — 69
דערפאַר — 70
ליבע — 71
מזל — 72
חתונה־טאַנץ — 73
דער קוש — 74
צוויי בלומען — 75
טאַטע־טאָג — 76
אַ חלום — 77
די גאָלד־פיש — 78
קוני איילענד — 81
דער צעהיצטער — 83
געוויין — 84
שטרויענע אלמנות — 85
אַן אַלטע געשיכטע — 86
ים־טראַגעדיע — 87
ראַנדעוואו — 88
עלטערן — 89
מלחמה — 90
ימים טובים — 91
מיין ליטווישע שטעטל — 92
אַ מיידעלע פון פוילן — 95
דער חכם (אַ מעשה׳לע) — 96
צוויי שוועסטער (מעשה׳לע פון מדרש) — 103
משלים — 108
אַ ציגעלע — 109
האוחז ביד — 110

זייט

שטראָף פון לשון הרע — — — — — — — — — — — — — — 111

דער אָקס — — — — — — — — — — — — — — — — — 112

רחמנות אונטער אַ פערענע — — — — — — — — — — — — 113

צווישן פיר־פיסיקע — — — — — — — — — — — — — — — 114

קאַניבאַלן — — — — — — — — — — — — — — — — — — 115

דער פוקס — — — — — — — — — — — — — — — — — — 116

מחיה־מתים־איד — — — — — — — — — — — — — — — — 117

רבי עקיבא׳ס מעשה׳לע פון אַ פוקס — — — — — — — — 118

ראש־השנה — — — — — — — — — — — — — — — — — — 119

יום כיפור — — — — — — — — — — — — — — — — — — 120

יזכור — 121

סכות — 122

חנוכה — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 123

פורים — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 124

פסח — 125


בראָדוויי

1899. אַ קליין־בירגערלעכע מענשהייט זאָגט צום ניינצענטן יאָרהונדערט:
— צאתך לשלום!
מיין טאַטע ז״ל פּראַוועט חצות. אַ וויינענדיקע שטימע שפּאַלט די שטילקייט פון דער נאַכט:
„... כל עמי הגוים... אַלע פעלקער פון דער וועלט שלאָפן רואיק, נאָר דיין פאָלק ישראל איז צערודערט...״
אַ שפּראָץ אויף טאָג. איך גיס אָפּ נעגל־וואַסער און זעץ זיך לעבן טאַטן.
דער טאַטע מישט אויף רש״י אין וישב:
— בן זקונים. כל מה שלמד משם ועבר מסר לו. וואָס יעקב אבינו האָט געלערנט פון זיינע רביים — האָט ער עס איבערגעגעבן צו זיין זון, יוסף׳ן.
אַ שמייכל באַלייכט זיין געלע באָרד. און ער הויבט אָן איבערגעבן זיין תורה צו זיין זון...
ווי לאַנג אָבער האַלט אָן אַ אידנס פרייד?
אַ וואָלקן פאַרציט זיך איבער מיין טאַטענ׳ס הימל.
מיין מאַמע האָט אַגעליבטן.
זיין נאָמען איז פּושקין. זי קוקט מער אויף פּושקינס באַקן־באָרד, ווי אויפן טאַטענס ציגענע בערדל.
מיין מאַמע גיט מיר אויסלערנען פּושקינס ליד:

גאָטס פייגעלע — —
האָט גאָר ניט
וואָס צו זאָרגן.

אין מיטן זוברעווען כאַפּט דער טאַטע אַרויס פּושקינען פון מיינע הענט:
— עבודה זרה האָט עס מזל!
פּושקין איז שוין געלעגן אויף אונזער ליימענעם פּלאָר און די שיינע באַקן־באָרד זיינע צעפּליקט.
און שוין יענע וואָך בין איך אָנגעקומען אין איוויער ישיבה און געוואָרן אַ תלמיד פון רב אַלעקסאנדר זיסקינד יעקב בר״ב אפרים גרשון כץ קאַלאַדני מפינסק.
שבת האָב איך געגעסן ביים רב דער פאָטער פון רב חיים עוזר ז״ל.
איוויע איז געווען אַ שטאָט פון פערדהענדלער, קאַראבעלניקעס און משכילים.
די וואָס האָבן געגעבן טעג צו ישיבה־בחורים, האָבן אַליין געלעבט אויף בול־בעס און פאָד־סמעטענע. די סמעטענע האָבן זיי אָוועקגעשיקט צו ווילנער גבירים.
אַ גאַנצע וואָך האָב איך געהונגערט, דערפאַר אָבער שבת, ביים איוויער רב, איז געווען יום־טוב. און אמת הנאה געהאַט האָב איך פון מוצאי־שבת: צום רב אין

הויז פלעגן קומען די שיינע באַלעבאַטים, דיינים, אורחים. דאָרט האָב איך גע־הערט די דעבאַטע:

— ווען איך בין גאָט — (מיין ליד ראש־השנה).

איין שבת צו־נאַכט זיינען געקומען אַ איד מיט אַ אידענע. זיי זיינען געווען די יחסנים פון שטאָט — זיי האָבן געהאַט אַ זון אין פּעטערבורג! דער איד האָט געהאַלטן אין איין דערציילן וואונדער פון פּעטערבורג.

— איך האָב ביי מיין זון געגעסן אַ קוגל... האָט עס געקאָסט פינף און צוואַנציק רובל.

— פינף און צוואַנציק רובל!? — פרעגט איבער די רביצין.

און דער איד גיט איר אַ חשבון:

— פינף רובל — מעל. פינף רובל — שמאַלץ; פינף רובל — זאַלץ; פינף רובל — ראָזינקעס און — און —

— וואו איז נאָך פינף רובל? יאָדעט די רביצין?

דער איד קנייטשט דעם שטערן. קוקט מיט רחמנות־אויגן אויף זיין אידענע. זיין אידענע האָט אים טאַקע אַרויסגעהאָלפן:

— און צימרינג? האָט זי אַ זאָג געטאָן.

— יאָ, פינף רובל צימרינג! האָט דער איד פריילעך אויסגעשריען...

מסתמא האָב איך פאַרגעסן וואו איך געפין זיך און איך האָב אַרויסגעלאָזן אַ קוויטשענדיקן געלעכטער.

אַלע האָבן געלאַכט, נאָר ניט די רביצין.

— דער קאַלעלישקער כאַפּט אַ גלייכווערטל! — זאָגט דער רב: ער וועט אַמאָל זיין אַ מגיד — דער קאַלעלישקער מגיד.

— ניט ווען ער וועט זיך איינהערן צו אייער תורה! — האָט די רב׳צין געזאָגט מיט כעס. און צו מיר:

— גיי לערנען!

איך קום אַריין אין גרויסן בית מדרש. אַלע לאָמפּן ברענען. ביים טיר זיצן די משכילים. איינער אַ ציוניסט מיט אַ לאַנגע נאָז גיט אַ צי מיינע לאַנגע ציצית און זאָגט:

— קיין לענגערע האָסטו ניט?

— בעסער לאַנגע ציצית, ווי אַ לאַנגע נאָז. — האָב איך געזאָגט.

זיינע אייגענע חברים האָבן געלאַכט. עס האָט זיי הנאה געטאָן, וואָס איך האָב אָפּגעשמיסן אַ יחסן — שכנה עפּשטיין!

איך בין געבליבן שטיין לעבן זיי, וויל דער לערער פון שטעטל האָט גע־לייענט אין העברעאיש אַ נייע מגילת אסתר, אין גראַמען. און געלייענט האָט ער פון סוף — צוריקוועג, היך־און צוריק די זעלבע ווערטער. דאָס האָט אַזוי אָנגעצונדן מיין פאַנטאַזיע, אַז נאָך יענע נאַכט האָב איך געשריבן אַ שיר. איך האָב דעם שיר אַוועקגעשיקט צום „הצפירה״. אין אַ וואָך אַרום קריג איך אַ קאַרטל מיט איין שורה, פּיצעניאַנציקע ווערטערלעך:

... לדברים של מה־בכך אין מקום!

(פאַר זאַכן אָן אַ סיפור — ניטאָ קיין פּלאַץ).

יענע נאַכט האָב איך ניט געשלאָפן. דאָנערשטאָק אויף פרייטאָק איז די גאַנצע ישיבה געזעסן אַ „משמור״ און איבערגעחזרט דאָס וואָס געלערנט די גאַנצע וואָך,

געלערנט האָבן מיר סנהדרין מיטן ר״ן. זייער אַ שווערע גמרא. איך קוק אַריין אין די דראָבנע ווערטער און זע פּאַר מיינע אויגען איין שורה:

לדברים של מה־בכך אין מקום...

איך בלעטער. קוק אַריין — די זעלבע שורה:

לדברים של מה־בכך אין מקום...

איך מאַך צו די גמרא. בלייב זיצן מיט פאַרמאַכטע אויגן. אַ שטראָם מיט פייערדיקע אותיות שוועבן פאַרביי מיר:

לדברים של מה־בכך אין מקום.

אַ געפיל צו לויפן פון דער ישיבה באַהערשט מיך. איך עפן די אויגן — עס סערייעט אויף טאָג. די שויבן פון שמש־שטיבל צינדן זיך מיט שטראַלן פון דערזון. איך בין שוין אויפן שול־הויף. מיינע פיס טראָגן מיך שנעל. וואוהין? ווייס איך ניט. מיט איינמאָל אַ קלאַפּ אין האַנט.

פייגעלע, דעם שמש טאָכטער קוקט אויף מיר מיט אירע אידישע אויגעלעך.

— נאַ, נעם! — זאָגט זי צו מיר.

אין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ שבת׳דיקע חלה׳לע, פון וועלכע עס איז געגאַנגען אַ פאַרע.

— דאָס האָב איך פאַר דיר אויסגעבאַקן... האָסט אַ גאַנצע נאַכט געלערנט תורה... האָט זי געזאָגט מיט אַ זיסן קינדער־קעלעכל... נעם... ביזט הונגעריק.

— פייגעלע — האָב איך זיך געוואונדערט צו איר — דו קענסט מיך?

— יאָ, דו ביזט דער קאַלעלישקער מתמיד... מיין מאַמע זאָגט, אַז דו וועסט אַמאָל זיין אַ רב.

— און דו וועסט זיין אַ רביצין. — גיב איך אַ קניפּ אין בעקעלע. פייגעלעס באַקן האָבן זיך אָנגעצונדן ווי די פענצטער פון שטיבל. זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיט אירע צוויי שוואַרצע צעפּעלעך און געזאָגט:

— נעם, די חלה...

— פייגעלע — האָב איך געשטאַמלט, איך וועל נעמען די חלה אַז דו וועסט מיר לאָזן אַ קוש טאָן דיינע ליפּעלעך. זי האָט אָנגעשעלט אויף מיר אירע אויגן און מיט גוואַלד אַריינגערוקט די חלה אין האַנט, ווילנדיק אַנטלויפן. זי האָט אָבער ניט געקענט.

איך האָב געהאַלטן איר קלייד אין האַנט:

— לויף ניט פייגעלע, וועסט צעריסן...

— וואָס ווילסטו? — זאָגט זי וויינענדיק.

— אַ קוש, פייגעלע; וואוהין רייסטו זיך?

— איך האָב מורא... מ׳זעט.

— ווער זעט, פייגעלע?

פייגעלע האָט אויפגעהויבן איר האַנט און מיטן פינגער אָנגעוויזן אין הימל. איך האָב אָפּגעלאָזן איר קליידעלע. זי האָט אַוועקגעטאַנצט ווי אַ ציגעלע, טייטלענדיק צום הימל:

— מע זעט.

איך בין געבליבן שטיין מיט דער הייסער חלה׳לע אין האַנט. די ישיבה־בחורים זיינען שוין אַלע געווען אין הויף. דערזעענדיק די חלה אין מיינע הענט, האָבן זיי זיך אַרויפגעוואָרפן ווי הונגעריקע בעטלער, צעריסן די חלה אין שיקער.

איך האָב די סצענע אַפילו ניט געזען. מיינע אויגן זיינען געווען צוגעשמידט צום שמש׳ס טאָכטער. פייגעלעס אויגן האָבן צו מיר געשמייכלט. און אירע ליפּע־לעך האָבן זיך געשאָקלט. מסתמא — האָב איך געטראַכט — זאָגט זי: מודה אני...

* * *

די חלה׳לע און פייגעלעס באַגעגעניש האָבן באַרואיקט מיין געמיט. איך בין אַריין צוריק אין דער ישיבה און זיך געזעצט לערנען.

די גאַנצע וואָך האָב איך געלערנט מיט התמדה. אין אַ ווינקל־מוח האָט זיך באַהאַלטן אַ האָפענונג. די האָפענונג, אַז פריטאָק פרי, נאָכן „משמור״, וועט פייגעלע מיר אַרויסטראָגן אַ בולקעלע.

מיין האָפענונג איז מקוים געוואָרן.

און נאָך מער ווי איך האָב ערוואַרט, ווייל אין מיין האַרצן האָב איך געפילט אַ מאָדנע וואַרימקייט צו איר, אַ נאָענטקייט, ווי צו אַ כלה.

פייגעלע אַליין, איז שוין אויך געווען מער דרייסט.

זי האָט געלאַכט צו מיר:

— גוט מאָרגן, קאַלעלישקער — האָט זי מיך באַגריסט — זע, ס׳אַרע שיינעם קרענצעלע איך האָב אויסגעפלאָכטן אויף דער חלה... אָבער, גיב עס ניט די הונ־געריקע ישיבה־בחורים... דאָס האָב איך געבאַקן פאַר דיר, ווייל... ווייל...

— ווייל — האָב איך געזאָגט, דו האָסט מיך ליב.

— און דו? — האָט זי אָנגעשטעלט אירע ליכטיקע אויגן.

— איך האָב דיך אויך ליב — האָב איך געזאָגט, אָננעמענדיק איר קלייד. אַ סימן, אַז איך וועל באַלד אַ קוש טאָן דיינע ליפּעלעך.

— מען טאָר ניט! — האָט זי כעס׳דיק אַ זאָג געטאָן.

— פון וואַנען ווייסטו, פייגעלע, וואָס מען טאָר ניט?

— די מאַמע זאָגט, אַז מען טאָר ניט קושן אָן אַ ברכה... האָט זי געזאָגט, אַריינקוקנדיק אין מיינע אויגן.

— איך קען אַלע ברכות, פייגעלע — האָב איך געזאָגט, אָבער, איך ווייס ניט, ווי מען מאַכט אַ ברכה אויף אַ קוש.

— די מאַמע האָט מיר געזאָגט ווי אַזוי.

— זאָג מיר אויך!

— איך שעם זיך.

— זאָג מיר אויך, אויב ניט וועל איך דיר אַ קוש טאָן אָן אַ ברכה...

פייגעלע האָט זיך צוגעטוליעט צו מיר און ווען איך האָב זי אַרונגענומען האָט זי מיר געזאָגט:

— די ברכה, וואָס מען זאָגט אונטער דער חופּה.

* * *

נאָכן דאַווענען איז צו מיר צוגעקומען פייגעלעס פאָטער און מיך איינגעלאַדן אויף טיי צו רעדן ׳תכלית׳.

דער ׳תכלית׳ איז געווען, אַז איך זאָל דערווייל ווערן אַ מלמד.

ווען פייגעלעס טאַטע האָט אַרויסגערעדט דאָס וואָרט מלמד איז אַ פייער דורכ־געגאַנגען מיין לייב. איך האָב אַרויסגענומען פון קעשענע אַ בריוו, וואָס איך האָב באַקומען פון מיין טאַטען. איך לייען:

...מיין ליב קינד. איוויע איז אַ גרויסע שטאָט. אויב דו קענסט ניט ווייטער לערנען, איז ווער אַ שוסטער, ווער אַ שניידער, אָבער למענעשעם, ווער ניט קיין מלמד ווי דיין טאַטע, און פאַרפינסטער ניט די יאָרן פון אַ אידישע טאָכטער...

אַ דער געשפּרעך ביי פּייגעלען אין הויז האָט אַביסל אָפּגעקילט מיין ליבע.

אָבער לערנען איז שוין מיר אויך געווען צו שווער.

אין דער ישיבה האָטמען נאָך אַלץ געלערנט סנהדרין מיטן ר״ן. און ווען דער ראש הישבה האָט אַ זאָג געטאָן אין מיט׳ן שיעור:

— נו, קאַלעלישקער!

האָב איך ניט געוואוסט, וואו מען האַלט.

מיין קאָפּ איז געווען ביי די משכילים. זיי האָבן מיך טאַקע פאַרזאָרגט מיט אַ מסלול, אָנגעטאָן אַ קורצן טלית־קטן און אונטערגעהאַקט די פּאות.

און פּונקט ווען אין מיר האָט זיך צעברענט די השכלה — איז איוויע אַוועק מיט אַ פייער.

* * *

אָנגעלאָדן מיט תורה און מיט שיינע מעשה׳לעך בין איך געוואָרן אַ „פּרוש״ אין זשאַלודאָק. אַ שטעטל צווישן לידא (הרב ריינישׁ) און ראַדין (חפץ חיים).

און כדי די פּרושים זאָלן ניט האָבן קיינע „הרהורים רעים״ (זינדיקע גע־דאַנקן) האָט מען געבראַכט די עסנס אין טעפּלעך אין בית מדרש.

די וואָך איז אַוועק אין נזירות (אָפּגעשייד פון דער וועלט). יונג בלוט האָט רעוואָלטירט. דערפאַר אָבער שבת צו־נאַכט פלעגן מיר צוזאַמענקומען אין אַ הויז פון אַ פיינעם באַלעבאָס. ער האָט אונז אַרומגעזעצט ביי אַ טיש מיט „כבוד״, און סערווירט האָט די שיינע באַלעבאָסטע אַליין און אירע צוויי יונגע שיינע טעכטער. האָט יעדער פּרוש געדאַרפט דערציילן אַ מעשהלע. צווישן די זשאַלודו־קער פּרושים האָט זיך געפינען דעם חפץ חיים׳ס אַן אייניקל — דער איצטיקער הרב הגאון רב יהושע מערעמינסקי.

(ווען ער איז אינסטאַלירט געוואָרן מיט אַ פערטל יאָרהונדערט שפּעטער אין מאונט ווערנאָן אַלס רב, האָט ער מיך פאַרגעשטעלט פאַר אַ חבר און איך האָב אין מיין דרשה דערציילט איינע פון די מעשה׳לעך, וואָס איך האָב געהערט אין יענע שבת צו־נאַכטן.)

פון אים האָב איך דאָס געהערט דעם חפץ חיים׳ס מעשה׳לע: „לשון הרע אויף אַ פערד״. אויך די מעשה׳לע „דער חכם״ אין אַ קורצער פאָרם. פאַר די קאַרגע פופציק יאָר וואָס איך דערצייל די מעשה׳לע, האָט זי זיך אויסגעשפּילט אין אַ לאַנגער פאָעמע. אָט דער רייכער אוצר פון פאָלקסקלאָר האָט אָנגעפילט מיין מוח.

מיין פעטער דער „אם לבינה״ האָט פאַרדעכטיקט, אַז איך בלאָנדזשע.

— אַרעלעב — האָט ער מיך געפרעגט — וואָס האָט זיך דיר געחלומט היינטיקע נאַכט?

איך קוק אים אָן.

— האָט זיך דיר געחלומט תורה?

— ניין!

— וועסט ניט זיין קיין רב. — האָט ער געזאָגט.

* * *

אַט דער געשפּרעך איז געהאַלטן געוואָרן ביים אָנקום פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן מיט אַזוי פיל ליכט, אַז די מוחות ביי אונז האָבן זיך אָנגעצונדן. די ליכט פון השכלה האָט געשפּאָרט פון אַלע זייטן. איינמאָל קומט אַריין דער פעטער אין בית מדרש. די פרושים רינגלען אים אַרום. ער הויבט אָן:

— ווען טיטוס הרשע האָט חרוב געמאַכט דעם בית המקדש האָט ער אויס־געשריען:

— איה אלהיכם? ווייזט מיר, וואו אייער גאָט געפינט זיך.

ניט באַקומענדיק קיין ענטפער האָט ער געהייסן צעוואָרפן דעם פונדאַמענט.

מיט איין־מאָל — פון קעלער דערהערט זיך אַ ניגון.

— אַט איז דער אידישער גאָט!

האָט טיטוס אויסגעשריען, נעמט אים אַ לעבעדיקן!

אין אַ ווינקל פון פונדאַמענט איז געזעסן אַ יונגערמאַן און ביים שפּאָלט, וואו די זון האָט אַריינגעשיינט, האָט ער געלערנט גמרא.

— אַט דער אינגל — האָט דער פעטער געזאָגט — האָט ניט געהערט די שטימען פון די פרושים, פון די צדוקים, פון די איסייאים, ער האָט געלערנט.

מיר, פרושים, האָבן פאַרשטאַנען דעם מיין, אָבער די זון פון השכלה האָט צעוואָרעמט אונזערע פליגלען און מיר זיינען זיך צעפלויגן.

* * *

נאָך פיל וואָגלענעס בין איך אָנגעקומען אין ווילנע.

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט איז געווען מיט משה טייטש. ער האָט צוגע־גרייט אַ זאַמלונג לידער „ביי דער אַרבעט". ביי מיר האָט ער גענומען דריי לידער: „דער שניידער", „דער שמיד" און „מיידלעך". ווען די זאַמלונג איז אַרויס פון פּיראָזשניקאָפ'ס דרוק, האָבן איך אָוועקגעטראָגן אין רעדאַקציע פון „הזמן" אַביסל עקזעמפּליאַרן.

הלל צייטלין האָט געשריבן:

...משורר צעיר חדש — א. ל. באַרון — בשירו החיט יש סמני כשרון...

איך האָב אַ ביכעלע לידער מיט הלל צייטלינ'ס קריטיק אָוועקגעשיקט צו מיינע עלטערן אין קאַלעלישאַק. איבערהויפּט האָב איך געוואָלט, אַז מיין מאַמע זאָל זען, אַז אַרע־לייב וואַקסט אַ פּושקין.

מיין מאַמע האָט מיר געשריבן אַ וואַרעמען בריוו. דער טאַטע האָט אונ־טערגעשריבן מיט רש"י כתב:

מדרש איכה ב':

אם יאמר לך אדם יש חכמה בגוים תאמין — תורה בגוים — אל תאמין.

איך האָב פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געמיינט: לידער קען דאָך שרייבן אפילו אַ פּושקין...

אין רעדאַקציע פון „הזמן" האָב איך זיך באַקאַנט מיט העברעאישע שרייבער.

איך האָב זיך באַקענט מיט אַ סך „גרויסע נעמען": זלמן שניאור, „הויך־שוואַרצהנו'דיק־שיין" מיט פייערדיקע אויגן, איז שוין געווען אַ וועטעראַן (17

יאָר). אין יענע טעג ווען איין פּאָעט האָט באַגעגנט אַ צווייטן — האָט ער זיך דער־פרייט. ער האָט געהאַט דעם הייליקן געפיל פון חומש.

(מען קומט צו משה'ן מיט אַ מסירה:

— אלדד און מודד זינגען לידער.

— הלואי וואָלטן אַלע אידן געוואָרן פּאָעטן.

ענטפערט משה.

נאָך מער פון אַלע „אינגלעך פּאָעטן" האָט מיך מקרב געווען פּרץ הירשביין. ער איז שוין דאַן געווען אַ באַרימטער פּאָעט. ער האָט שוין געדרוקט איין ליד — „אל הכוכב". פּרץ הירשביין איז געגאַנגען אַנגעטאָן אין אַ גאַרניטור ווי מעטערלינג און זיין רעדן, האַלטונג און גאַנג — איז דאַן געווען דער זעלבער מיט וועלכן מיר האָבן אים געקענט דאָ אין אַמעריקע. שוין דאַן (אַ בחור אין אַנהויב די צוואַנציקער) איז ער געווען „צו גרויס" צו נעמען אַ מיידל „אויפן שלאָסבאַרג". ציילענדיק די ווערטער זאָגט ער צו מיר:

— דער „בונד" קריכט אַרויס פון באַהעלטעניש. זיי קלייבן זיך אַרויסגעבן אַ צייטונג, וואָס אַלע וועלן לייענען — אפילו די טאַטעס מיט די מאַמעס פון די „זאָקן שטריקערס". זיי זוכן לידער אָן גליצערין. (גליצערין איז געווען דער מאַטעריאַל, וואָס רייסט אויף אַ באַמבע).

* * *

דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון דער ווילנער „פאָלקסצייטונג", צביון, האָט געטראָגן אַ שוואַרצן ראָק און אויסגעזען האָט ער אַריסטאָקראַטיש, ווי אַ לערער אין אַ רעגירונגס־שול. ער נעמט צו ביי מיר אַ זאַמלונג־לידער און זאָגט:

— אויב זיי טויגן ניט — קריגט איר זיי צוריק.

די ערשטע געדרוקטע ליד האָט טאַקע געהאַט אַ נאָמען „פּאָעט".

איר ווייסט ווער עס האָט מיך געלערנט\
צו זינגען אַ ליד מיט געפיל?\
אַ וואַלד, וועלכער גרינט ביי אַ טייכל,\
אַ טייך וועלכע רוישט ביי אַ מיל.\
אין וואַלד האָט אַ פויגל געזונגען,\
אין טייך האָט באַגלייט אים דער פראָש\
און עפּעס אַ קליינס האָט געפּרילינגט\
אַ לידל אַ נייע... אין גראָז.

און גלייך — אַ צווייטע ליד (אויך אָן גליצערין):

דער שמיד

גלין־גלאָן! זינגט דער האַמער זיין אייזערנע ליד\
און זינגט אויס מיין בענקשאַפט מיט שטאָלענעם קלונג,\
אין גראַם, אַ געשמידטן אין פונקען און פייער —\
אין ליד, אַ געזונגען מיט פייער אין צונג,\
מיט בענקענדיגן ריטם און לירישן פייער.\
עס הויבט זיך די ברוסט ביי דעם זינגער, דעם שמיד.\
עס שימערן פונקען ווי קושן אין פינסטער.\
גלין־גלאָן! שמידט דער האַמער פון ליבע זיין ליד.

און דעם ערשטן מאַי פאַרשפּרייט זיך איבער די ווילנער גאַסן די „פאָלקס־צייטונג" מיט מיינע אַ לאַנגע דערציילונג: (איך האָב נאָך איצט די צייטונג) „די זון גייט אויף".

* * *

פאַר מיר איז טאַקע אויפגעגאַנגען די זון.
איך קום צו אַ בונדיסטישע ליאַמע. מען זינגט מיין ליד:

מיידלעך.
אויפן וועג פון זומער גאָרטן
וואַרטן, וואַרטן מיידלעך צוויי;
קיין זאַך יאָגט זיי ניט פון דאָרטן
ניט קיין רעגן, ניט קיין שניי.

זאָגט מיר, שוועסטער, הונגער־בלאַסע,
וואָס האָט אייך אַהער געבראַכט?
עלנט, דלות, קעלערס נאַסע,
אָדער גאָר די בלינדע נאַכט?

— מיך, דער דלות און דער הונגער —
ענטפערט איינע זיפצנד שווער;
— מיך — אַ ליבער מענש — אַ יונגער.. —
ווישט די צווייטע שטיל אַ טרער.

איז מיין לעבן שוין פאַראיבער,
כאָטש דאָס האַרץ איז נאָך ניט אַלט.
קום זשע, קום! זיי דו דער ליבער,
קאַלט איז מיר איצט, אוי, ווי קאַלט.

אויפן וועג פון זומער גאָרטן
בלאַנדזשען מיידלעך פיל אַרום;
בלוט פון האַרצן גיסט זיך דאָרטן,
פון די ליפּן הערט מען: קום!

(אין אַמעריקע האָט דער באַרימטער קאָמפּאָזיטאָר, מיכל געלבאַרד, אָנגעשריבן מוזיק צום ליד).

אין יענער צייט קומט אָן אין ווילנע „דאָס וואָרט", רעדאַקטירט פון אַברהם רייזען. איך בלעטער. עס ווערט מיר ליכטיק — מיין ליד ווינטער:

פונם וועלדל ביזן טייכל
גייט אַ גלייכער שטיקל וועג.
דאָרטן האָבן בחורים, מיידלעך
אויסגעטאַנצט אַ ליבע־שטעג.
דאָרטן פליסן טיפע סודות,
ליבעס פלעכטן זיך אָן צאָל,
ווי דאָס וועלדל נעמט נאָר גרינען
און דאָס טייכל — ווי קריסטאָל.
איצטער איז דאָס ליבע־וועגל
שוין פאַרוויסט און פאַרשנייט.
און עס זינגט דער ווינט דאָרט לידער
פון פאַרוועלקן און פון טויט.

צוזאַמען מיט „דאָס וואָרט" — אַ פּאָר ווערטער פון דערמוטיקונג פון רע־דאַקטאָר — אַזש פון אַ שטאָט וואָס איך האָב קיינמאָל ניט געהערט — קראָקע.

פון פּעטערבורג קומט אָן אין ווילנע דער „פריינט" מיט מיינע אַ ליד מיט אַ בריוועלע פון רעדאַקטאָר ש. ראָזענפעלד. אַ ניי וואָרט: האָנאָראַר.

דעם ערשטן האָנאָראַר וואָס איך האָב געקראָגן פון אַן אַרויסגעבער איז געווען אין ווילנע, אויף זאַוואַלניע. אַ קאַשיק הייסע בייגל האָט פאַרשמעקט די גאַס. גראַד איז אָנגעקומען דער אַרויסגעבער פון דער „פאָלקסצייטונג", יוסף באַסקין, און האָט מיך מכבד געווען מיט אַ פּאָר הייסע בייגל.

אין יענער צייט (1905) האָט ווילנע זיך אויפגעהויבן צו איר העכסטער הויך — זי האָט זיך כשר פאַרדינט דעם נאָמען „ירושלים דליטא". אין שטאָט־שול איז געווען חזן גרשם סיראָטאַ מיט לעאַ לאָוו'ס כאָר. אין שול־כאָר האָט געשאַפן נייע רעטשיטאַטיוון דער חזן בערנשטיין. שמריהו לעווין איז געווען דאָרט רב. אין אַלע ישיבה'ס האָט מען געלערנט — און אין דער ליטעראַרישער וועלט האָבן געקלונ־גען די נעמען: ש. דובנאָוו יהושע שטיינבערג. ראָמס דרוקעריי האָט אַרויסגעגעבן אירע בעסטע ווערק און אויך געדרוקט אַ אידישע צייטונג און דעם „הזמן" אין העברעאיש.

פונדעסטוועגן האָט דאַן יעדער ווילנער שרייבער געפילט, אַז ער דאַרף פאָרן אין וואַרשע, כדי צו קריגן „סמיכה" פון י. ל. פּרץ. אָן אַזאַ „סמיכה" האָט מען גע־פילט איז מען ניט קיין שרייבער.

און דאָס איז טאַקע געווען מיין פּלאַן. איך האָב אויך געוואוסט, אַז פּרץ הירש־ביין קלייבט זיך צו פאָרן קיין וואַרשע, האָב איך באַשלאָסן זיך דורכריידן מיט אים וועגן דעם ענין.

פּרץ הירשביין האָט דאַן געוואוינט ביים ווילנער כאָר־חזן, בערנשטיין.

איך קום אַריין און וויל גיין ווייטער — דער אַריינגאַנג איז געווען אַ לאַנגער פינסטערער קאָרעדאָר — אַ מיידל נעמט מיך אַרום מיט אַן אויסגעשריי:

— פּרץ ? !

— ניין ! זאָג איך — דאָס איז אַריליב !

מיינע לאַנגע האָר האָבן אין דער פינסטער געמאַכט איינע פון פּרץ הירשביינ'ס פאַרערערינס מיך אָנצונעמען פאַר פּרץ הירשביינען.

אין דער מינוט עפנט זיך די טיר און פּרץ הירשביין קומט אַריין.

די יונגע מיידל און איך האָבן גלייך געזען דעם טעות. און ניט איך און ניט זי האָבן זיך גענומען צום האַרצן, וואָס אַ קוש איז דערוויל פאַרלאָרן געגאַנגען אין דער פינצטער.

ווען פּרץ הירשביין האָט אונז אַריינגעפירט אין זיין ליכטיקן צימער, וואָס איז געווען באַהאָנגען פון אונטן ביז אויבן מיט בילדער פון מעטערלינג... ער האָט אונז גענומען פאָרשטעלן...

— מיר קענען זיך ! האָט די מיידל געזאָגט.

— פייגעלע ! האָב איך אויסגעשריען !

— דער קאַלעלישער ! האָט זי גענומען ציטערן.

פרץ הירשביינ׳ס קאָפּ איז דאַן געווען אָנגעפּילט מיט מעטערלינגס „פּעליס און מעליסאַנדע״, וואָס דער ווילנער „שטאָט־טעאַטער״ האָט דאַן געשפּילט. ער איז דעריבער געווען צופרידן, וואָס איך האָב פייגעלען אַריינגעפירט אין חדר.

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ „פּריצישן״ אָפּגעבלאַקירטן „ליבע־שטול״ און זיך גענומען אַרויספּלאָנטערן פון אונזער צופּעליקער בעגעגעניש. איך בין געווען אַזוי פול מיט ליבע, אַז מיינע ליפּן האָבן מאַגנעטיש זיך גענומען דערנענ־טערן צו אירע ליפּן.

— און אַ ברכה! האָט פייגעלע אַרויסגעלאַכט. — דו קושט נאָך אַלץ אָן אַ ברכה!

אין דער מינוט האָט פּרץ הירשביין אַריינגעשוועבט אין מוזיק־חדר. ער האָט זיך געזעצט ביי דער פּיאַנאָ און קוקנדיק ווייט־ווייט אויף דער זון־אונטערגאַנג פון „ביטקע טויבעס זאַאולאָק״... האָבן זיך געגאָסן טענער... פול מיט סודות... ניט דאַאיקע... שטערן אים אין דעם הייליקן מאָמענט, וואָלט געווען פאַרשוועכונג. איך האָב דעריבער איבערגעשריבן מיין ליד „פרילינג״, אַריינגעלייגט אין זיין קע־שענע, און אים געבעטן, ער זאָל דאָס ליד לייענען אונזער פּרצ׳ן...

די מעטערלינג־טענער האָבן מיך און פייגעלען באַגלייט, ווען מיר האָבן ווי צוויי קליינע קינדער, האַלטנדיק פאַר די הענט זיך געלאָזן גיין.

* * *

פּרץ הירשביין האָט, קענטיק, איבערגעגעבן מיין ליד צום דרוק. עס איז אַוועק אַ קורצע צייט און פון וואַרשע קומט אָן די „אידישע צוקונפט״, רעדאַקטירט פון דר. וואַרטסמאַן. מיין ליד —

פרילינג

עס פליסט דורך די פעלדער
אַ וואַסער און רעדט:
איך האָב ערשט פאַרטראָגן
אַ מיל ביז אַ ברעט.
איך האָב ערשט פאַרטראָגן
אַ מענשן פון בריק;
ער קעמפט מיט די כוואַליעס
און רייסט זיך צוריק.
זיין כוח איז קליין
נאָר זיין ווילן איז גרויס.
ער לאָזט שוין זיין אָטעם
זיין לעצטן אַרויס.
זיין פּנים פאַרגליווערט
מיט מורא, מיט שרעק;
איך טראָג אים אין וועלדל
אין גרינעם אַוועק.

דאָס לידל איז שפּעטער אַריין אין שול־זאַמלונגען אין וואַרשע.

אין אַ וואָך אַרום האָב איך געקראָגן אַ בריוו פון יעקב דינעזאָן. ער האָט מיר געשריבן — אַז י. ל. פּרץ האָט געזאָגט:

— אין „פרילינג״ געפינט זיך עפּעס בייעס.

* * *

מיין פּאָפּולאַריטעט איז געוואַקסן אַזוי שנעל, ווי מיינע בלאָנדע האָר.

ליטוואַק האָט מיך אַוועקגעפירט צו אַ „ליטעראַרישן אָוונט״. איך רויטל זיך. הויב אָן:

ליבע —
דו פרעגסט מיך: ווער שענקט אונז
די ליבע, מיין קינד?
— אַ מלאך מיט פליגל
אָן שכל און בלינד.
— ווי זעט עס אַ בלינדער
צו טרעפן אין ציל?
— דעם סוד אויפצוקלערן
געפרואווט האָבן פיל,
פיל יונגע און אַלטע...
נאָר ווען אין מיין ברוסט
געברענט האָט אַ פייער
דיך קושן מיט לוסט,
צו ליבן דיך אייביק
און ניט אויף אַ וויַיל,
דאַן האָט מיך געטראָפן
פון ליבע די פייל.

איך האָב קוים געענדיקט די לעצטע שורה און עס האָט זיך דערהערט אַ קול פון אַ יונג מיידל: (פייגעל די בונדיסטקע)

— וואַרפט אים אַרויס!

איך ווער פאַרצאַפּלט. קום צו זיך און קוק זי אָן:

בלוט און מילך. ליפּאַלעך וואָס בעטן אַ קוש...

— וואַרפט אים אַרויס!

שרייט פייגעלע — מיר דאַרפן בולבעס און ער קומט צו אונז מיט ליבע!...

— דאָס פאָלק וויל דאָך לידער מיט גליצערין! — האָב איך געטראַכט.

נאָכן אָוונט לאַד איך איין פייגעלען אין פרנס׳עס רעסטאָראַן. איך הייס דערלאַנגען אַ גרויס טעלער בולבעס און זאָג:

— פייגעלע, עס בולבעס.

* * *

אין יענער צייט האָב איך אַביסל „צוגעקנעלט״ אין אַ „וואָקזאַל־שטעטעלע״, צווישן ווילנע און קאָוונע. שטייענדיק אויפן וואָקזאַל, פּאַרט אָן אַ באַן. און אין באַן — ביים פענסטער — אַ קאָפּ שוואַרץ־געקרויזטע האָר. איך וועל שווערן — פּושקין. די באַן שטעלט זיך אָפּ. איך שפּרינג אַרויף, גיי צו צום יונגן בחורל און גיב אַ פרעג:

— ביסטו אַ פּאָעט?

— יאָ — ענטפערט ער — י. י. שוואַרץ און אָט איז מיין פּאָעמע „דער ניעמאַן״...

איך לייען, איך שלינג די שורות, די גראַמען... עפּעס אַנדערש... עפּעס ניי...

די באַן פּאָרט. איך לייען. פעלדער לויפן אַוועק, וועלדער טראָגן זיך אָפּ, איך לייען. ווען איך בין אויף מאָרגן געקומען צוריק צו מיין קנעלונג, באַגעגנט מיך אַ תלמיד אויפן וואָקזאַל און דערציילט מיר, אַז די לעצטע נאַכט האָבן די „אַנאַרכיסטן״ „עקספּראָפּריאירט״ די סטאַנציע און דער פּריסטאַוו זוכט מיך אַרום. איך בין אַרויף צוריק אויפן באַן וואָס פּאָרט קיין ווילנע.

קומענדיק צוריק קיין ווילנע, גיי איך באַזוכן מיין שוועסטער׳ל רישע (דעם גאַליציאַנעם נאָמען „רויזעלע״ האָט איר געגעבן משה ליב האַלפּערן). מיין שוועסטער האָט געוווינט ביי די קאַלעלישקער שניידערקעס — אַ נעסט פון אַנאַרכיסטן. (די אַנאַרכיסטן האָבן ניט געגלויבט אין פּאַרטיי־דיסציפּלין און אין פּירערשאַפט. מען האָט דעריבער ניט געוואוסט ווער ס׳איז אַ רעוואָלוציאָנער און ווער אַ פּראָוואָקאַטאָר. דער „בונד״ האָט זיך געהיט פאַר זיי און אפילו באַקעמפט).

ווי נאָר איך בין אַריין אין אַנאַרכיסטישן נעץ — באַגעגנט מיך מיין לאַנדס־מיידל שרה׳לע פון קאַלעלישאַק מיט אַ געלעכטער׳ל:

— אַרעליב, וואָס ביסטו ביים „בונד״ — אַן אָפיציר צו אַ יענעראַל?

אַלע שניידערקעס ברעכן אויס אין אַ געלעכטער. נאָר איינע פון זיי, פייגעלע, וואָס האָט געשריען ביי אַ „בונד״־פאַרזאַמלונג:

— וואַרפט אים אַרויס!

אָט די פייגעלע האָט אַ וואָרף געטאָן די „חופּה־קלייד״, און געזאָגט:

— שרהל! אַרעליב איז אַ פּאָעט און האָט אָנגעהויבן זינגען מיין ליד:

אויפן וועג פון זומער גאָרטן
וואַרטן, וואַרטן מיידלעך צוויי.

אַלע מיידלעך האָבן מיטגעזונגען און אויפגעוועקט מיין שוועסטער׳ל, וואָס איז געשלאָפן אויף אַ בעטל.

ווי נאָר מיין שוועסטער האָט זיך אויפגעזעצט שרייט אויס, שרה׳ל:

— רואיק! רישעלע! רואיק! די באָמבע!

פינסטער ווערט מיר אין די אויגן. מיין שוועסטער׳ל קומט פון קאַלעלישאַק צו שלאָפן אויף באָמבעס!

שרה׳ל נעמט אַרויס די באָמבע פון אונטער מיין שוועסטער׳ס בעט, טראָגט זי צו צו מיר:

— אַרעליב! דער גורל איז אויסגעפאַלן אויף דיר, דו זאָלסט וואַרפן די באָמבע אויפן פּאָליצמייסטער... נאַ, נעם... נעם... און ריייניק אויס דיין בורזשואַזנע נשמה...

וואָס ציטערסטו?... די באָמבע האָט נאָך ניט קיין גליצערין...

— ער איז אַ פּאָעט! שרייט פייגעלע — זאָל דיין חתן יאַנקעלע וואַרפן די באָמבע.

שרהל איז צוגעגאַנגען צו יאַקלען, וואָס איז געשטאַנען אַן אומעטיקער, און אים געקושט. (אויף מאָרגן פרי האָט טאַקע יאַנקעלע אַראָפּגעריסןביידע פיס ביים ווילנער פּאָליצמייסטער.)

ווען איך בין שוין געווען אין גאַס, הער איך טריט הינטער מיר. איך קער אום מיין קאָפּ — פייגעלע.

פייגעלע נעמט מיך אונטערן אָרעם. מיר זיינען שוין אויפן שלאָס־באַרג, אַ פאַרבאָרגענע באַנק לאַדעט אונז איין. אירע הענט אין מיינע „גאָלדענע זאַנגען״.

פייגעלע: לייען מיר דיינע ליבע־לידער.

איך: האָסט דאָך געשריען:

— וואַרפט אים אַרויס!

פײגעלע: װײל, דערזעענדיק צום ערשטן מאָל אַ פּאָעט, האָב איך זיך פאַרלאָרן. איך האָב ליב פּאָעזי און איך האָב דיך ליב.

איך: איך האָב דיך ניט ליב!

(נאָך אַ קורצן שװײגן)

איך האָב אַ געליבטע.

פײגעלע: מיך אַרט ניט! מיך אינטערעסירט ניט צי מען האָט מיך ליב. איך װיל ליבן... איך װיל לידער... ליבע... קושן...

װען מיר האָבן שפּאַצירט בײ די ברעגן פון דער װילנער אָרעמער, ליטװישער טײך — די װיליע, האָט זי מיך שטיל אַ פרעג געטאָן:

— װער איז דײן אמת׳ע געליבטע?

די געטין פון ליבע — װענוס, זאָג איך.

— אַ שטײנערנע געליבטע! צעלאַכט זיך פײגעלע.

שװײגנדיק זײנען מיר צוגעקומען צו שרה׳ל׳ס שנײדערײ. אין דעם פינסטערן אַרױפגאַנג האָט זי מיר אַ קוש געטאָן און געזאָגט: — בײ אונז איז אַ רעװאָלוציע.

— פאָלג מיך, פּאָעט, פאָר קײן אַמעריקע און װער אַ מאָריס ראָזענפעלד!

* * *

איך קום אָן אין ניו־יאָרק, אין אַ שײנעם פרײטאָג, און טאַקע דעם זעלבן אָװנט דעקלאַמיר איך לידער אין קלוב פון „בונד". אויף מאָרגן, שבת צו־נאַכט — פירט מיך װײנבערג רעדן בײ אַ מיטינג פון אַרבעטער־רינג.

אב. קאַהאַן, רעדאַקטאָר פון „פאָרװערטס" האָט מיך אויפגענומען — איך קען זאָגן מיט װאַרעמקײט און ליבע.

שטײענדיק מיט אַ גרופּע יונגע מײדלעך (קײן אַלטע זײנען נאָך דאַן ניט געװען), רײסט זיך אַרײן אב. קאַהאַן אין מיטן, לײגט אַרויף די האַנט אויף מיר און זאָגט: „פּאָעט"! די מײדלעך האָבן אים װאַרעם אַרומגענומען. זײן פּנים האָט געלויכטן.

אב. קאַהאַן איז נאָך אַלײן געװען אַ „יונגער" (פאַר זײן 50יאָריקן יובילײ). נאָר װען איך בין אַרײן אין רעדאַקציע האָט ער מיר געװיזן אַן ענגלישע צײטונג און אַז מיט לידער פאַרפילן זײ אַ לײדיק פּלאַץ.

— אײערע ליבע־לידער זײנען שײן — האָט ער װײטער געזאָגט — נאָר פּרובירט אָנשרײבן אַ ליד פון דער אידישער ניו־יאָרק — װעל איך עס דרוקן.

— גאָטליב! — האָט ער אַ זאָג געטאָן. נעם אים אין שאַפּ. באַקען אים מיט בראָדװײ!

און דאָס איז די ליד װאָס איך האָב אָנגעשריבן:

די „גרינע"

בײם מאַשין געבויגן,
אָרעמלעך באַקלײדט,
מיט פאַרשלאָפענע אויגן
חלומ׳ט זי און נײט.
אַלט איז די מאַשינע,
קרעכצט זי װען מען שטעפּט;
עס נײט אויף איר אַ גרינע
מײדל, קוים װאָס לעבט.

װײט פון דאַנען, איבער ים׳ען
איז איר זיסע הײם,
דאָרטן האָט זי טאַטע־מאַמען
ערשט געלאָזט אַלײן.
דאָרטן האָט זי אירע ברידער
און מען זעט די זון װאָס שײנט,
נאָר זי איז שוין, נעבעך,
גאָר ניט יונג געװען.

מיט אַ סך חתנים
האָט זי זיך געזען,
איינער וויל אַ שיינע
און אַ צווייטער — געלט.
בלויז די ביידע זאַכן
האָבן איר אויסגעפּעלט...
ביים מאַשין געבויגן,

אָרעמלעך באַקליידט
זיצט אַ גרינע מיידל
חלומ'ט וואָס און נייט.
און עס ווערן גרויער
אירע האָר פון קאָפּ.
עס פאַרשווינדט אַ לעבן
אין דעם „האָרי־אָפּ".

איך האָב פּרובירט שרייבן אַנדערע שאַפּ־לידער, אָבער קיין מאָריס ראָזענ־פעלד בין איך ניט געוואָרן.

* * *

און ניט וויל, ווי דער דיכטער לייעלעס דענקט, אַז איך האָב זיך דערשראָקן פאַר וולאַדעקס קריטיק. עס זיינען געווען גענוג אַנדערע „קליינע טאַוואַלים".

אַז אַ שלעכטע קריטיק קען טרייבן אַ דיכטער פון דער וועלט — האָב איך טאַקע געזען מיט מיינע אויגן.

איך באַגעגן אין יענער צייט אויף דעלענסי סטריט מיכל קאַפּלאַן, חושך ווי די ערד.

פרעג איך:

— וואוהין גייסטו?

איך גיי זיך אַרונטערוואַרפן פון דעם נייעם דעלענסי סטריט־בריק.

— זי האָט דיך טאַקע אַוועקגעוואָרפן?

— ניין!

— איז וואָס האָט פּאַסירט?

ער וויזט מיר זשיטלאָווסקי'ס „נייע לעבן" וואו אַ גרינער פּאָעט רייסט אים אַרונטער...

אויף אַ „צוליאַפּינדיקן" אופן האָט ער אַרונטערגריסן אַלע דיכטער. אַזוי האָט ער געמיינט וועט ער ווערן דער איינציקער פּאָעט ביי אידן. ער האָט ניט געוואוסט מסתמא פון אַ פּסוק: „לא בכוח".

יענע נאַכט איז קאַפּלאַן ביי מיר געשלאָפן. איך האָב דאַן געוואוינט אויף עלדרידזש סטריט ביי אַ ברודער פון יעקב דינעזאָן. און אין מיטן נאַכט האָב איך טאַקע געמוזט רופן אַ דאָקטאָר. מיכל קאַפּלאַן האָט פאַרלוירן זיין אָטעם... און זיין גאַנץ גאַנץ לעבן האָט ער געליטן פון דער דילאַן־זישע לאַנדאו־משהליב'ס — דיכטער־האַרץ...

אין יענע טעג זיינען ניט געווען קיינע ליטעראַרישע שריפטן. אַפילו די צוקונפט, וואו וואו איך האָב זיך געדרוקט אָפט ווי אין „פאָרווערטס" — האָט מען פאַרלאַנגט ר־ר־וואָלוציאָנערע לידער.

— אין אַמעריקע איז ליבע ניט קיין סחורה! האָט מיר געזאָגט דער רעדאַק־טאָר מאָריס ווינטשעווסקי. „קליינע טייוואַלימלאַך" האָבן צוריקגעהאַלטן מיין פעדער.

איך לייען די נייע אידישע דיכטונג — פּושקין...

איך דערמאָן זיך די מעשה פון חומש. אהרן הכהנ׳ס זין ברענגען אַריין פרעמ־דין פייער (אש זרה) און — גאָט האָט זיי געטויט.

די קליינע טייוואָלימלעך לאָזן ניט אָפּ...

אַ צווייטע פּאַסירונג: איך דעקלאַמיר מײנע נײע ליבע־לידער צו אַ אידיש־ליטעראַרישן אָוונט אין די „ליטעראַרישע בינע". אין מיטן לייענען קריג איך אַ שטויס. איך קוק זיך אַרום. פאַר מיר שטייט אַ געזונטער בחור מיט אַ רויט פּנים, אָנגעטאָן אין אַ גרויען סוועטער.

— לאָז מיך עפּעס לייענען פאַר די פּיפּערנאָטערס! — זאָגט דער בחור און דעקלאַמירט אַ ליד פון שטיקלעך פּאַפּירלעך.

— ווער ביזטו? פרעג איך אים.

— משה ליב פון זלאָטשיטוו.

— און איך בין ארעליב פון קאַלעלישאַק — באַקען איך זיך.

די „קליינע טייוולאָנימלאַך" לאָזן ניט אָפּ.

עס קומט אָן דער 10־טער יובילייאום פון „בונד" (1907), אב. קאַהאַן האָט ביי מיר געבעטן אַ ליד. איך האָב אָנגעשריבן „מיין ליטוויש שטעטל", און אייב קאַהאַן האָט עס אויסגעזעצט מיט „מאָריס ראָזענפעלד שריפט" — מיט פייקע.

יענעם פרימאָרגן קומט צו מיר צעלויפן לעאָן גאָטליב מיט פאַרוויינטע אויגן:

— קומט אין „פאָרווערטס". געגאַסע קאַהאַן וויל אייך זען.

איך גיי אַרויף אויף די טרעפּ פון דער אַלטער „פאָרווערטס" געביידע און הער קולות.

ראָזענפעלד: פּעטיט! די ליד וועט ניט געדרוקט ווערן אין פייקע! פּעטיט! פּעטיט!

קאַהאַן: אַ צייטיקע ליד. האָט איר אַ בעסערע?

ראָזענפעלד: איך האָב אין דער אידישער וועלט געדרוקט ביאַליק׳ן אין פּעטיט! און דעם אינגל מוזט איר דרוקן פּעטיט! פּעטיט!

איך בין אַריין אין רעדאַקציע.

ווי ראָזענפעלד האָט מיך דערזען האָט ער זיך צעשריען:

— פּעטיט! פּעטיט!

מיין פּנים האָט זיך באַגאָסן מיט טרערן.

מער האָב איך שוין קיינעם ניט געזען. נאָר געהערט אַדאָלף העלד׳ס קול:

— אַ פּשרה — דרוקט עס בראַוויר...

* * *

מיט פאַרוויינטע אויגן האָב איך זיך געלאָזט גיין אַרונטער פון די טרעפּ. אין מיינע אויערן האָבן געקלונגען די ווערטער פון דער ווילנער בונדיסטקע:

— וואַרפט אים אַרויס!

ווען איך האָב זיך אַרונטערגעוואָרפן אין גאַס האָב איך דערזען מאָריס ווינ־טשעווסקי און איך האָב אים דערציילט פון דער גרויסער טראַגעדיע. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן די טרעפּ פון בילדונג און געזאָגט: —

— קאַהאַן האָט געטאָן די זעלבע זאַך צו מיר. פריער האָט ער מיך געבומט. ווען איך בין געוואָרן פּאָפּולער האָט קאַהאַן אויסגעפונען אַ פּרעסער (ראָזענפעלדן) — און מיך אָוועקגערוקט אָן אַ זייט. איצט וויל ער מיט אייך דערהרג׳נען ראָזענ־פעלדן. אָבער איר קענט ראָזענפעלדס פּלאַץ ניט פאַרנעמען. איר שרייבט וועגן

לידער... ליבע... קושן... דאָס איז גוט געווען אין דער אַלטער היים — אויף די פּליינקענער... דאָ — דאַרף מען קענען דעם אַמעריקאַנעם לעבן... די פרײדן און די ווײ־געשרײען פון דעם אידישן בעקער וואָס קנעט אַרײַן זײַן שווייס אין די „ביאַליסטאָקער קוכענס״... מאָריס ראָזענפעלד קען זיי... און ניט נאָר איר קענט ניט פאַרנעמען ראָזענפעלדס פּלאַץ, נאָר אפילו מאָריס ראָזענפעלד אַליין קען איצט ניט פאַרנעמען מאָריס ראָזענפעלדס פּלאַץ...

ווען מאָריס ווינטשעווסקי האָט גערעדט, האָט זיך מיר געדוכט: איך זע טרערן אין זײַנע אויגן. איך פּיל שולדיק — אַן אַלטער איד ווײנט.

איך זע דעם ווײטיק פון אַ פּאָעט ווען מען טרײַבט אים אַרויס פון דער אייביקייט.

צו אײנע פון די ליטעראַרישע אָוונטן, וואו מאָריס ראָזענפעלד האָט געלײענט זײַנע לידער, האָט דער עולם שטאַרק אויסגעפּאַטשט אויך דעם שרײַבער פון די שורות. מאָריס ראָזענפעלד האָט, ווי זײַן שטײגער, אויסגעראַטשעט אויף מיר זײַנע „בלינדע אויגן״ און מיך אײַנגעלאַדן צו אים אויף אַ גלעזל טײ. געוואוינט האָט ער אין אײנעם פון די אַלטע בראָנקסער „רעילראָוד פלעטס״ אַ טיפּישע וואוינונג פאַר אַ „פּרעסער פון הויזקעס״. די „אַפּגעבליאַקירטע מעבל״ האָט צו מיר געזאָגט:

— דאָ וואוינט אַ טרערן־מיליאָנער און די ביזט דאָס געקומען קיין אַמעריקע צו ווערן אַ מאָריס ראָזענפעלד.

אין טיר לײכט אויף — זײַן יונגע, שײנע און אין אים געראָטענע טאָכטער.

— לאָרעלעי! — שטעלט ער מיר פאָר.

איך באַגריס זי און קוק אַרײַן אין אירע פײערדיקע אויגן און זאָג: — שולמית.

מער רעדן מיט איר קריג איך ניט קײן געלעגנהײט.

ראָזענפעלד'ן האָט שטאַרק געערגערט וואָס אברהם רײזען לויבט י. ראָלניק'ס לידער. און ער האָט זיך זײער געקלאָגט:

— אַלײן אַ גרויסער טאַלאַנט און לויבט אַ יונגערן...

ברעך איך אים איבער און זאָג:

— יוסף ראָלניק איז אײנער פון די טאַלאַנט־רײַכע יונגע. ער קען אַמאָל זײַן אַ מאָריס ראָזענפעלד.

מער האָב איך שוין ניט גערעדט.

אַ צעקאָכטער האָט ראָזענפעלד געזאָגט:

— ווען הײנע איז געקומען באַזוכן געטהען, האָט אים געטהע געפרעגט:

— יונגערמאַן, וואָס שרײַבט איר?

— אַ דריטן טײל פאוסט! — האָט הײנע געענטפערט...

פײער האָט געשפּראָצט פון זײַנע אויגן ווען ער האָט געזאָגט: איז דאָך דאָס געווען הײנע!

— איז דאָך דאָס געטהע!

פּאַטש איך צוריק און וואַרט ניט ביז ער וועט נעמען זײַן באַרימטן שטעקן.

איך וואַרף זיך אַלײן אַרויס דורך די פינסטערע טרעפּ. עס איז מיר אָבער גע־ווען ליכטיק. ראָזענפעלד'ס יונגע טאָכטערס אויגן האָבן באַלויכטן מײַן וועג.

פון מײַן יוגנט אָן האָב איך געהאַט אַ שוואַכקײט צו שולמית־אויגן. מײַנע צוויי שוועסטער, רויזעלע און העניע, מײַן מאַמע חיה־שרה, מײַנע מומעס, אַלע שײנע פרויען מיט פאַרחלומ'טע בלויע אויגן, האָט מיך געצויגן צו וואַכיקע, פלאַמענדיקע

אויגן ווי דער טויזנט פרויען־קושנדער דריטער אידישער קעניג באַזינגט אין זיין געזאַנג פון אַלע געזאַנגען.

און ווען איך האָב געבראַכט מיין געוועזענע, איצטיקע און צוקונפטיקע ווייב, חנה רבקה, צו ליטעראַרישע אָוונטן, האָבן אַלע פּאָעטן זיך דערקלערט אין ליבע צו אירע ליכטיקע „אידישע אויגן". דער מאָלער לאָלע האָט געמאָלן איר בילד.

מיינע ברידער: דוד, יאַנקעל און איצקע האָבן אויך חתונה געהאַט מיט מייד־לעך, מיט שיר השירים אויגן. מיינע ברידער האָבן אויך זוכה געווען, אַז משה ליב האַלפּערן זאָל זיי באַזונגען.

* * *

אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָבן נייע שטערן געגומען לויכטן אויפן ליטעראַרישן הימל — ש. ניגער קומט. „די יונגע" (איך האָב געהערט צו די אַלטע, 22 יאָר). די „אינזיכיסטן" מיט לייעלעס, גלאַטשטיין, מינקאָוו, מאָריס ראָזענפעלד'ס שטול שטייט ליידיק. קיינער פון די „יונגע" וויל דעם שטול ניט פאַרנעמען:

דער שטול איז אַלט.

אַ פּאַריאַקטער, אַ פּאַרצאַקטער — גיט מאָריס ראָזענפעלד אַפּ זיין קערפּער דער „פּאַרדאַמטער פּרעסערקע, די ערד". אַ „יונגער" מאַכט אַ הספד. בויגט זיך צו צום מת און זאָגט:

— מאָריס ראָזענפעלד — פּאָעטן האָבן מיר היינט גרעסערע פון דיר.

דער „יונגער" האָט עס אָבער געזאָגט אַזוי שטיל, אַז דער אידישער לייענער פון פּאָעזי האָט עס ניט געהערט.

* * *

איך דרוק דאָן אַפּ אין דער „צוקונפט" אַ פּעסימיסטיש ליד:

מאָרגן וועט מיין בלוט ניט זידן,
און אַ גרויען קאָפּ אַ מידן
וועלן טראָגן מיינע פּלייצעס.
איך וועל וויינען, פרעגן עצות
ביי דעם הימל, ביי די שטערן:
ווי דערגרייכט מען יענע ספערן
וואו עס ליגט די פרייד באַהאַלטן
פאַרן פאַלק, פאַרן קאַלטן?

אַט דאָס ליד האָב איך דעקלאַמירט צו אַ ליטעראַדישן אָוונט פון די „גאָל־דענע זאַנגען", ווען דער דיכטער לייעלעס איז אָנגעקומען פון לאָנדאָן. מיין גראַם „ספערען" — האָט ער מיר געזאָגט — האָט אים געמאַכט צו קלערן, אַז ער הערט נייעם טאָן.

אין יענער צייט קומט אַרויס מיין „ערשטער רעדאַקטאָר, צביון אין הלל ראָגאָפּ'ס „אידישע וועלט" אין שיקאַגאָ, מיט אַ גרויסן אַרטיקל וועגן מיין ביכל „ליבע און בענקשאַפט" און זאָגט:

„אַ. ל. באַראָן האָט טאַלאַנט, ער איז אָבער אַ „גרינער".

זאָל ער זיך באַקענען מיטן אַמעריקאַנער לעבן, און — — — אב קאַהאַן אין „פאָרווערטס" שרייבט אין זעלבן טאָן. דער איינציקער וואָס האָט זיך אינטערע־

סירט מיט די געציילטע גוטע לידער אין ביכל איז געווען דער אידישער גע־לערנטער פּראָפעסאָר א. ראָבאַק. ער האָט טאַקע אַנגעשריבן אַ פּיר־קאָלומדיקע עסייע וועגן ווירגיל און וועגן מיר.

דער ליטעראַטור־קריטיקער פון „פריינט", ש. ניגער, זעט אין מיר דאָס זעלבע וואָס ז. שניאור: אַ מעשה־דערציילער. ער ענדיקט מיט: די פאָלקס־מעטה'לע הויבט זיך אָן מיט „אַ מאָל איז געווען אַ מלך" —

דאָס האָט מיר געגעבן דעם אָנפאַנג פון „חכם":
„דער קעניג יאָסל פון גאַליציע".

* * *

איך פּאָלג מיינע קריטיקער. איך נעם זיך באַקענען מיט בראָדוויי.

איך ווער די רעכטע האַנט פון בעל־דבר, יעקב מאַרינאָוו, רעדאַקטאָר פון „קונדס".

דער סטעף — אַ גאַליציאַנער, ווייל זיי קענען לייענען „די פליגענדע בלע־טער". פול מיט אידישע וויצן פאַרדייטשט. וואָס די גאַליציאַנער האָבן געטאָן איז: זיי האָבן איבערגעקערט דעם פעלץ.

קיין לאָקאלע קיבעץ האָבן זיי ניט געהאַט — „גרינע".

דער איינציקער וואָס האָט געשריבן „פון קאָפּ" איז געווען דער לעבעדיקער. זיין „פּאַמפּאַדור" האָט געמאַכט אַ רושם. דערצו האָט ער פאַרמאָגט אַ סך „גרסא דינקותא".

זיץ איך אין „קונדס" מיט דער פעדער אין האַנט און טראַכט:
— וואו איז מיין „גרסא דינקותא"?
פאַרוואָס בין איך געקומען צו אידישע לידער דורך פּושקין?
פּושקין אַליין האָט געטרונקען פון אידישן קוואַל!

גאָטס פייגעלע
האָט ניט וואָס
צו זאָרגן —

דאָס געפינט זיך דאָך אין קידושין פ"ב.

תניא, רבי שמעון בן אליעזר אומר: מימי לא ראיתי צבי קיץ וארי סקל ושועל חנוני והם מתפרנסים שלא בצער.

... איך האָב אין מיין לעבן ניט געזען, אַז אַ הירש זאָל זיין אַ פּרוכטער, אַ לייב — אַ שטיין־האַקער, אַ פוקס — אַ קרעמער. און דאָך לעבן זיי אָן זאָרגן.

איך לייען אַנאַטאָל פראַנס מעשה'לע „אָליווער'ס באַרימען זיך" פון די צייטן פון קעניג שאַרלעמאַן.

דער סיפור מיט אַ פאַרטיקן פּלאַט געפין איך אין מדרש איכה פסוק רבתי בגוים.

בראָדוויי שטורעמט מיט אַ ניי ליד: „איך בין מיין אייגענער זיידע".

וואו געפין איך עס? אין פּסחים ד' — אבא קיים. מועד קטן כ', יבמות צ"ו — אַנא בת אשתי.

בראָדוויי האָט ביי מיר דאָס ליד געבאָרגט.

איך בין מיין אייגענער זיידע:
געהייראַט די אַלמנה דאָבע:
פון ערשטן מאַן האָט די אַסאָבע,
אַ טעכטערל וואָס רופט זיך סיידע,
זי איז מיין טאַטנס ווייב געוואָרן
און האָט פון אים אַ קינד געבאָרן.
אַז איך בין דעם יאַטל׳ס ברודער
דאַרפט איר ניט מאַכן קיין גערודער —
ווייל ער איז דאָך מיין טאַטנס יורש.
און איצט — מאַכט איר אַליין דעם פירוש:
מיין טאָכטער איז אַט איצט מיין מאַמע,
ווייל זי איז דאָך מיין טאַטנס דאַמע.
אַן איידעם ווערט ביי מיר מיין טאַטע —
ער איז מיין טאָכטער׳ס מאַן לעת עתה.
דער יאַטל איז אַן אייניקל פון דאָבע —
מיין ווייב וואָס איז על פי דין זיין באָבע.
אַז זי איז באָבע — בין איך זיידע
אין דעם זייט איר דאָך אַלע מודה.
בין איך אין דעם מוראַווייניקל
געוואָרן מיין אייגן ווייב׳ס אַן אייניקל,
אַ קינד פון ווייב׳ס טאָכטער סיידע
— בין איך דאָך מיין אייגענער זיידע.

אין דער גמרא ווערט עס געבראַכט צוליב אַ דין.

* * *

געעפנט מיינע אויגן האָט אַ אידישער דיכטער, וואָס איז געקומען צו פּאָעזיע דורך דעם אידישן גאָלדענעם פּאָדעם „היינע — רב יהודה הלוי״: משה ליב האַלפּערין.

אין יענער צייט איז ער געווען אַ מיטאַרבעטער אין „קונדס״. איבערזעצט ער היינעס ליד: „ווענוס״. זאָגט היינע — משה ליב צו דער געטשקע (קונסט צוליב קונסט):

— זאָלסט מיר שווערן ליבע אַזוי ווי אליעזר האָט געשוואָרן צו אברהמען.

איבערלייענדיק דאָס ליד האָב איך געזען ווי „די געטשקע״ ווערט צעשאָטן אין קריזשקעס.

איך זע אַ וויזיע:

די חשמונאים וואַרפן אַרויס פון אידישן טעמפּל דעם געטץ יופּיטער...

ליגט ער מיט אַן אויסגעהאַקט אויג, אַפּגעבראָכענער נאָז... אַ משונה׳דיקער בליק...

איך טראַכט: אַט־דאַ־דאַ! דאָ האָט זיך עס געגומען די פיוטשיוריסטישע־אימיעדזשיסטישע־אימפּרעסיאָניסטישע „קונסט לשם קונסט״. צוליב וואָס אַ סיפּור? דער געץ „האָט אויערן און הערט ניט״.

אַז אַ ליד דאַרף האָבן אַ סיפּר, האָב איך געהערט נאָך אין ווילנע פון פּרץ הירשביינען.

דאָס איז געווען איינע פון זיינע באַליבסטע מעשה׳לעך:

גייט אַ בחור אין מאַרק און לאַכט.

פרעגט אַ קרעמערקע:

— וואָס לאַכט ער?

ענטפערט אַ צווייטע:

— דער נאַר שטופּט אים.

עפּעס מוז „שטופּן״ אַ מענשן ווען ער נעמט די פּעדער אין האַנט. אויב ניט — איז ער עובר אויף:

אל תהי שוטה בחרוזים. (חולין צ״ה.)

ערשט אין „קונדס״ האָב איך געזען, אַז מען דאַרף אַ טעמע. אויב ניט — האָט דער עולם ניט געלאַכט...

* * *

אויסער משהליב'ן האָבן אין „קונדס" מיטגעאַרבעט כמעט אַלע אידישע שרייבער. מען קאָן זאָגן: אַפילו גדולי הדור, וואָס האָבן זיך בענומען צום „קונדס" מיט אַזאַ ליבע, אַז פּראָפעסאָר יצחק־אייזיק האָט מיך, אַ אינגל, אָנהויב די צוואַנציקער, געלאָזן איבערשרייבן זיינע זאַכן. אין איינציק וואָרט האָב איך שוין געוואוסט, אַז איך טאָר ניט „פאַריכטן" — דער מינסקער וואָרט: „ביסקעלעוואַנעט".

דער בעל־דבר פון „קונדס" האָט איינגעפירט אַ נייע סיסטעם:

האָט ער געוואָלט קיבעצן ליפּסקי'נען, האָט ער מיך געשיקט צו באַראַנדעסן, האָט ער געוואָלט קיבעצן באַראַנדעסן — האָט ער מיך געשיקט צו ליפּסקי'נען, האָט ער געדאַרפט „דערגיין די יאָרן" אַב קאַהאַנען האָט ער מיך געשיקט צו לאיער בודין... עס איז ניט געווען קיין אין „גדול" וואָס האָט ניט מיטגעאַרבעט אין „קונדס". קיין געלט האָבן מיר די גדולים ניט געצאָלט, אָבער מיר פלעגן זיי געבן שוה־כסף — אַ קיבעץ.

פאַרלאָזן זיך צופּיל אויף די „שונאים פון פאָרווערטס" האָבן מיר ניט גע־קאָנט. ווייל ווי זיי האָבן נאָר געקראָגן אַ „דזשאָב" אין „פאָרווערטס" האָבן מיר פאַרלאָרן אַ מיטאַרבעטער.

איינער פון די גרויסע סאָציאַליסטישע שרייבער פון „פאָרווערטס", וואָס איז איצט אויך אַ גדול ביי די אומות העולם מיט זיינעם אַ בוך, האָט אָנגעהויבן אַ סעריע אין „קונדס": „דער אימפּיטשמענט".

אָבער נאָכן דריטן קאַפּיטל האָט ער אונז איבערגעלאָזן. איך, צוזאַמען מיט מאַרינאָוון האָבן עס פאַרגעזעצט. דאָס איז געווען דער פייערדיקסטער פּיטשור וואָס דער „קונדס" האָט געהאַט... איך האָב אויך געשריבן „אַ הומאָריסטישע געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג", אונטערן נאָמען: „ליטוואַקוס".

צוזאַמען מיט ל. קעסנער האָב איך געשריבן אַ פּיטשור: „קליאַמקע גע־שפּרעכן".

דאָס זיינען געווען בילדער פון דער ווייטער, ווייטער צוקונפט — ווען די פרוי וועט האָבן גלייכע רעכט מיטן מאַן. די צוקונפט, ביי אונז, אינגלעך, האָט דאַן געהייסן דער ווייטער יאָר 1939...

— אָט דאָס איז דיין זשאַנער! סאַטירע! — האָט צו מיר געזאָגט משה ליב.

דעם רעדאַקטאָרס חבר, יהואש, פלעגט אַלעמאָל אָנקומען ווען מיר פלעגן זיך „מאָרדעווען" איבער אַן עדיטאָריעל, וואָס אַ „גדול" האָט פאַר אונז אָנגע־שריבן און פאַרגעסן אַריינלייגן אַ ביסעלע גליצערין... און ער, יהואש, פלעגט אונז אַרויסשלעפּן פון דער בלאָטע. ווען יהואש איז ניט געווען, פלעגן מיר אַליין דאָס טאָן. מאַרינאָוו האָט אַרויסגעקוועטשט די וואַסער און איך פלעג אַריינלייגן די גליצערין...

— דו וועסט אַמאָל קענען שרייבן — האָט מיר געזאָגט יהואש, ווען דו וועסט זיך באַקענען מיט אַמעריקע. ער האָט מיר געהייסן לייענען מאַרק טוועין, דזשעראָם און דזשאַדזש עיד.

די סאַטירע פון אַט די שרייבער האָט טאַקע שפּעטער פאַרנומען דעם פּלאַץ פון ראָדאַ־ראָדאַ, סאַפיר און אַנדערע דייטשן.

יעדן פרייטיק פרי, ווען דער געדרוקטער „קונדס" איז געקומען אין רע־

דאַקציע פלעגן אַרויפקומען „געקונדסטע גדולים" נאָך אַ נומער. איינמאָל קומט אַריין שלום־עליכם.

— נאַ לייען! וויז אים וואָס מיר קענען! זאָגט דער בעל־דבר.

איך לייען משה נאַדיר׳ס אַ זאַכעלע:

„...איך כאַפּ פיש...די פישעלע צאַפּלט זיך אין מיינע הענט...איך שפּיל זיך מיט איר אַן און — וואַרף זי צוריק אין טייך... און טראַכט: איך טו אַזוי מיט מיינע מיידלעך..."

— שנייענע גאַמעלקס! — זאָגט שלום־עליכם.

שלום עליכמ׳ס ווערטער האָבן מיך געמאַכט קלערן:

— מאי קא משמע לן, משה נאַדיר? חכמות, האָב איך דאָך אין משלי, פּילאָ־זאָפיע — אין קהלת, אין איוב. אַ כשוף האָבן זיי די גאַליציאַנער דיכטער — עס ווילט זיך זיי לייענען, וויל זיי שרייבן ווי זייערע מאַמעס פּילען פיש לכבוד שבת: זיי לייגן אַריין אַ ראַזינקע...

* * *

אונזער שווערסטע פּראָבלעם, אין קונדס, איז געווען ווי אַזוי צו ערקלערן זיך אין ליבע, אַז מיידלעך זאָלן אונז נעמען ערנסט. דער רעדאַקטאָר אַליין איז אויך גע־ווען אַ בחור.

דער ערשטער וואָס האָט „געוואָגט", איז געווען משה־נאַדיר. ער האָט געמאַכט אַ „חופּה־ווערטשערע" און איינגעלאַדן זיינע חברים אין זיין „גליקלעכע היים". איידער משה־נאַדיר איז „נתגלה" געוואָרן אַלס הומאָריסט האָט ער געאַרבעט אין אַ „משוגעים־הויז". האָט ער צום גרויסן יום טוב פון „אייביקער ליבע" אויך איינגעלאַדן מיין שוואָ־גער, וואָס האָט מיט אים אין משוגעים־הויז — געווישט די פענסטער, אויף וועלכע די משוגעים האָבן מיט די פינגער געצייכנט פיוטשיוריסטישע בילדער. מיין שוואָגער האָט געבראַכט זיין ווייב און איר קליין שוועסטערל חנה־רבקה, צום יום טוב. חנה־רבקה איז געווען „ערשט פון קעסעלגאַרדען". זי איז דאָס אַוועקגעלאָפן פון איר היים, ווייל איר טאַטע, הרב הגאון ר׳ שמואל ראָזענפעלד, האָט זי געוואָלט חתונה מאַכן מיט אַ חסידישן רב׳ל.

איך האָב זיך „פאַרליבט פון ערשטן בליק" און זי האָט מיר געגלויבט. ווען איך האָב שפּעטער אויף דער ראַדיאָ אָנגענומען דעם פּסעוודאָנים „ראבין זיידמאַן" האָט זי געזאָגט:

— זעסט, מיין מאַן, פון אייגענעם מזל קען מען ניט אַוועקלויפן. מסתמא איז מיר געווען „באַשערט" צו זיין אַ רביצין.

אַז זי האָט גע׳ירש׳נט פון איר טאַטען די ליבע פאַרן געדרוקטן וואָרט באַווייזט דאָס, וואָס אַנשטאָט אַ מינקאָוט, דרוקט זי מיינע ספרים.

* * *

דער „קונדס" ווערט דער הויפּט־פּלאַץ פון אידישע טעטיקייט. מיר העלפן גרינדן אויף הענרי סטריט אַ ליטעראַטן קלוב. דר. זשיטלאָווסקי איז פּרעזידענט און א. ל. באַראָן סעקרעטאַר.

איך ברענג אין ליטעראַטן קלוב צימבאַליסט און אפילו דעם „גרויסן" שילדקרויט.

שילדקרויט פירט אויף אין „קעסלער׳ס טעאַטער" דוד פינסקי׳ס „אוצר". פון וואַרשע קומט אָן אַ יונגער שוישפּילער מאַרק שווייד, און ער מאַכט אַ גוואַלדיקן ער־

פאַלג אין „אוצר". די איבעריקע שוישפּילער זיינען געווען אַלע שרייבער און פּאָעטן, פון מרים קאַרפּילאָוו ביז בעריל באַטווינניק.

מאַרק שווייד האָט זיך אויך אויסגעצייכנט אין „קונדס". ער האָט אַריינגעבראַכט וועלטלעכקייט.

מאַרק שווייד איז געקומען אין דער ריכטיקער צייט, ווייל איך האָב זיך שוין אַרויסגעלאָזן אויף אַנדערע וועגן. איך בין אַוועק זוכן אַ קוואַל פון וואַנען מיר זאָלן קענען צאָלן אַ שרייבער מער ווי אַ „קוואָרדער" פאַר אַ פעדער־שפּריץ.

בין איך אַריין אין פּאָליטיקס.

הערמאַן בערנשטיין האָט מיך געבעטן איך זאָל ברענגען די אידישע רעדאַקטאָרס צו גאָווערנאָר וואודראו ווילסאָנ׳ס אַ לעקציע. אמת, אב קאַהאַן, לואי מילער, ש. יאַנאָווסקי און זאָלאָטקאָוו׳ן — האָב איך ניט געקאָנט איינרעדן צו קומען.

אויף מאָרגן איז געדרוקט געווען אין דער ענגלישער פּרעסע: „וואודראו ווילסאָן לעקטשורט פאַר די רעדאַקטאָרן פון דער אידישער פּרעסע".

עס זיינען דאָרט שוין געווען „רעדאַקטאָרן".

פאַר דער שטיקל אַרבעט האָט הערמאַן בערנשטיין מיך אַריינגענומען אין „טאָג".

וואָס מיך האָט פאַרדראָסן, וואָס די פּאָליטישענס האָבן גאָר געמאַכט פּיפּקע פון מיר.

איך באַגעגען פּראָפעסאָר פישבערג (מיין חבר לאלא־ישראל׳ס שוואָגער, וואָס איז געווען הערמאַן בערנשטיינ׳ס אַ חבר) איך דערצייל אים פון די סענאַטאָרן, פאַר וועלכע מען האָט מיך פאָרגעשטעלט: סענאַטאָר פון יוטא סענאַטאָר פון אקלאהאמא, סענאַטאָר — —

פּראָפעסאָר פישבערג צעלאַכט זיך:

— דאָס זיינען געווען „סאַלון־קיפּערס".

* * *

איך גיי אין חדר, איך דאַרף זיך דאָך באַקענען מיט אַמעריקע.

איך קום אַריין צו מייער לאָנדאָן:

— קאָנגרעסמאַן, זע די פּראַכטפולע צייכנונג פון לאלא (ישראל). מאיר לאָנדאָן פאָרט אַריין אין וואַשינגטאָן אויף קלאַסישע סוסים, ווי אַמאָל יוליוס צעזאַר אין רוים.

פיין! זאָגט לאָנדאָן און פאַרויכערט זיין איטאַליענישע סטאָגע (2 פאַר 3 סענט) — אָט די צייכנונג דרוקסטו אויף דער ערשטער זייט...

— יע, זאָג איך — אויף דער ערשטער זייט!

אָבער —

— וואָס אָבער? — פרעגט לאָנדאָן.

— אָבער וואָס טו איך מיט דער לעצטער זייט?

קאָנגרעסמאַן לאָנדאָן כאַפּט מיך אָן פאַר מיינע „גאָלדענע זאַגגען" און צעשרייט זיך:

— אַזוי רעדט מען ניט צו אַ קאַנדידאַט! יאַ אַנאַנס, ניט אַנאַנס! — איך פאָר אַריין אין קאָנגרעס אויף לאָלאס קאַרטון.

עפּעס אין דער מינוט האָט זייך צעגאָסן אַ וואַרימקייט אין מיין האַרצן:

מייער לאָנדאָן... אַ קאָנגרעסמאַן... אַ סאָציאַליסטישער קאָנגרעסמאַן...

איך קום אַריין אין „קונדס". דער טעלעפאָן קלינגט —

— העלאו ?... אָ, וואולף... פון די קלאָקמייקערס יא... יא... וואָס טו איך מיט דער לעצטער זייט ?... האַ ? אַ „פולע פעידזש״! — פיין... פיין!

לאָנדאָנען האָבן מיר ערווילט. אַזאַ יום טוב האָט די אידישע גאַס נאָך ניט געהאַט און וועגן דעם אַליין קען מען אָנשרייבן אַ בוך.

* * *

נאָך מיינע ערפאַרונגען מיט מייער לאָנדאָן און וואודראו ווילסאָן — בין איך גע־וואָרן אַ היבש ביסל קליגער. איך הויב אָן זען די ריכטיקע אַמעריקע. און וואָס אַ טאָג, ווער איך ווייטער פון מארינאָוו׳ס רעדאַקטאָר־טיש, וואָס האָט געאַרבעט אויפן זעלבן פרינציפ ווי די בעט פון סדום. האָט זיך אין איר געלייגט שלאָפן אַ לאַנגער האָט מען אים אָפּגעהאַקט די פיס, אַ קורצער — האָט מען אים אַזוי לאַנג געצויגן ביז מען האָט אים אָפּגעריסן דעם קאָפּ.

פונקט אַזוי — מיט די לידער און פעדער־שפּריצן...

משה נאַדיר איז שוין ניט געווען אין „קונדס״. ער האָט באַשלאָסן צו ווערן אַ „קאַפּיטאַליסט״. ער האָט געעפנט אין די בערג אַ האָטעל פאַר באָרדערס. זיינע באָר־דערס האָבן געוואונען וואָג פון דעם, וואָס אָנשטאָט עסן, פלעגן זיי לאַכן פון זיינע וויצן. זיין פינאַנץ־מיניסטער איז געווען אַל הערריס, ווען משה נאַדיר האָט געצאָלט מיט הומאָרעסקעס. משה נאַדיר׳ס פאַרזוך צו ווערן אַ קאַפּיטאַליסט איז געווען אַ דורכפאַל, פונקט ווי קאַרל מאַרקס האָט געזאָגט: די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם וועט זיך ענ־דיקן אין אַ רייע פון „בול־מאַרקן״ און „בער־מאַרקן״. משה נאַדיר איז געוואָרן אויס קאַפּיטאַליסט און געוואָרט אויף דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

— הער אַרעלייב — זאָגט צו מיר משה נאַדיר — ווייסט דאָך, אַז איך האָב פיינט געלט —

— ביי יענעם — שלאָג איך אים איבער.

— הער, וואָס קאַרל מאַרקס זאָגט.

— מוישע! דו לייענסט קאַרל מאַרקס ?!

— ניין. משה כץ לייענט פאַר מיר. הער וואָס קאַרל מאַרקס זאָגט: אין דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט וועט מען אויסשיסן אַלע אָנאָנסן־קלייבער. זיי זיינען פאַראַזיטן. אַרבעטן ניט און לעבן אַ טאָג — — —

— משה! — שלאָג איך אים איבער — עס געפעלט מיר. איך ווער אַן אָנאָנסן־קלייבער.

* * *

מיין פלאַץ ביים רעדאַקטאָר־טיש האָט פאַרנומען שלום עליכמ׳ס איידעם י. ד. בערקאָוויץ. איך האָב אים געקענט פון ווילנע, פון „הזמן״ און גוט געדענקט, אַז פונקט ווי ז. שניאור איז ער נאָך אַלס אינגל געווען אַ גרויסער שרייבער.

מאַרינאָוו האָט שוין מער ניט געהאַט אַזאַ לייכט לעבן ווי ביי מיר. י. ד. בער־קאָוויץ האָט דעם „קונדס״ גענומען ערנסט.

איינמאָל הער איך אַ קריגעריי צווישן רעדאַקטאָר און אים.

בערקאָוויץ: איך האָב געשריבן אַ גראַמאַטיקע און איר זאָגט מיר וואו עס קומט אַ קאַמאַ ?!

מאַרינאָוו: עס קען זיין ביי אייך אין ווילנע, שטעלט מען ניט קיין קאמא, אָבער אין ניו־יאָרק —

בערקאָוויץ: באַראָן! אַהער קום! דאָ קומט אַ קאמא?

באַראָן: (הויך): ניין!

מאַרינאָוו (מיט אויסגעשטעלטע אויגן): עי דו, ברוטוס!

באַראָן: קיין קאמא, ווייל... ווייל מאָנטיק אַרבעט איך שוין פאַר הערמאַן בערנשטיין.

נאָך מיין אַוועקגיין איז דער „קונדס" געוואָרן שוואַך אין לאָקאַלן קיבעץ, דער־פאַר אָבער שטאַרק אין קונסט — אַן אמת ליטעראַרישע וואָכנשריפט. די „יונגע", די „אינזיכיסטן" זינגען אין „קונדס": נחום י. פאַבלען, ביאַליק׳ס שירי־עם, דר. צבי כהן — סאטירע, יעקב גלאַטשטיין, ל. פיינבערג, א. ניסנזאָן, ב. י. ביאַליסטאָצקי, א. לוצקי, עליאַש, נפתלי גראָס, אברהם אייסען, י. ה. ראַדאָשיצקי, י. ל. קאַלושינער, לעאָן קריסטאַל, חיים ערנרייך און די איינציקע פרויען־דיכטערין חיענא יפה. אברהם רייזען קומט אַרויס מיט אַ דערציילונג: „דער גרינע ר האָט דעם טעמפל חרוב געמאַכט".

די טעמע — ניט נאָר אַ אידיש־נאַציאָנאַלע, נאָר זי האַלט אויך דעם סוד וואָרום „ישראל חי וקים".

דער „קונדס" איז געוואָרן אַ קונסט־צייטונג, אין דער צייט וואָס זיינע קונדס׳־ניקעס דער לעבעדיקער, ה. גאָטעספעלד (טביה שמייכל), חוזק׳ס אייניקל און לאַלא — האָבן זיך אַריבער־געצויגן אין די ערנסטע צייטונגען און גענומען „מאַכן זונטיק פאַר זיך". חוזק׳ס אייניקל האָט געשאַפן דעם טיפּ „משה קאַפּויר" (איש תהפוכות משלי ט״ז) און דער בעל־דבר אַליין איז געוואָרן אַ מיליאָנטשיק פאַרקויפנדיקע קרקע. ער ווערט אַזוי רייך, אַז ער גיט אַוועק די שטאָט ניו־יאָרק אַ מתנה — אַ שטרעקע „דזשאָונס ביטש". פאַלט ער אַריין צו זיין געוועזענע „רעכטע האַנט" און גיט אַ זאָג:

— „מיליאָן נאַ בראַטאַ"! דיר אַ מיליאָן, מיר אַ מיליאָן!

זיין „רעכטע האַנט" האָט שוין אָבער ניט געוואוסט וואָס די לינקע האַנט טוט — איך בין געוואָרן דער מנחם מענדל פון „מיין שטעטעלע ניו־יאָרק".

און אַזוי שווים איך וואו צוויי — איך אַ דריטער, ביז דעם „שוואַרצן יאָר" פון 1929, ווען עס איז מקוים געוואָרן שלום עליכמ׳ס אַ מעשה׳לע:

ערשטער בירזשעוויק: האָסט געהערט? חיים האָט געמאַכט צען טויזנט רובל אויף דער בירזשע!

צווייטער בירזשעוויק: זאָל ער מאַכן!

ערשטער בירזשעוויק: ווערסטו עס דערלאָזן?!

צווייטער בירזשעוויק: פאַרוואָס ניט? די צען טויזנט דאָלער וואָס ער האָט געמאַכט, איז מיר גרינג דאָס האַרץ — ווייל ער וועט עס צוריק אָפּגעבן. אָבער דאָס וואָס דער חברהמאַן עסט דערוויי׳ל — האָב איך מורא, איז פאַרפאַלן.

אין 1929 האָבן אַלע „ענדיק כאַפּער" פון בראָדוויי אויסגעפונען, וגם אני בתוכם, אַז שלום עליכם איז געווען אַ נביא.

* * *

הערמאַן בערנשטיין האָט מיך באַקענט מיט גרויסע געשעפטן. איך נעם זיך צו דער אַרבעט.

איך באַקען זיך מיט אידישע אַנאַנסן־געבער — פּיאָנערן מיט ברייטע פּלייצעס, בויער און קענען לערנען. איינער גיט מיר גלייך אַ קעפּל פּאַר זיין אַנאַנס: לכו נא ונוכחה! לאָמיר זען ווער עס פאַרקויפט ביליקער.

איך קום אַריין אין אַ גרויסן ליקער געשעפט. אַלע נעמען לאַכן.

— וואָס לאַכט איר? — פרעג איך.

— כאַ־כאַ־כאַ — דער קונדס!

— איר מעגט שוין ווינען — זאָג איך —

איך אַרבעט שוין אין אַ טעגלעכע צייטונג.

מיינע אַנאָנסירן וואַקסן.

איך וואַקס מיט זיי, ביז מיר זיינען אַלע געפאַלן „קרבנות פון דער ציוויליזאַציע". די נייע סאָבוויס האָבן געטריבן די לאָקאַלע (מיטל־קלאַס) צו באַנקראָט.

מיין שותף אין דער אַנאַנסן־וועלט איז געווען אַ גרינער בחורל, בערעלע מאַדעל.

צוזאַמען פלעגן מיר אַריינגעבן אַנאַנסן אין דער רוסישער צייטונג „נאָווי מיר". איינער פון אחינו בני ישראל, לייבעלע טראָצקי, איז געווען רעדאַקטאָר.

איך האָב אים פאַרזאָרגט מיט מעבל און ער האָט זיך אונטערגענומען אויסצאָלן איין דאָלער אַ וואָך.

מיט איינמאָל דרוקן די אידישע צייטונגען די נייעס אַז קערענסקי שלאָפט אין בעט פון רוסישן צאַר. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז לייבעלע טראָצקי וועט עס ניט דערלאָזן.

איך קום אַריין אין „נאָווי מיר" — אַ יום טוב! מען טרינקט „וואָדקאַ" און לייבעלע וואָס האָט זיך געפּאַקט צו פאָרן קיין רוסלאַנד האָט גענומען די מעבל (פאַר וועלכע ער האָט איינגעצאָלט איין דאָלער) און צעטיילט צווישן די זעצער און שרייבער.

— וואו ביסטו געווען? איך האָב דאָך פאַר דיר געהאַלטן דעם וויכן שטול!?

— שרייט אויס צו מיר לייבעלע, ווי ער האָט מיך דערזען.

אַרעליבעלע פון קאַלעלישאַק האָט געפילט, אַז עס איז אַ צו הייליקער מאָמענט צו רעדן וועגן באַצאָלן פאַר די מעבל און איך דערלאַנג אים די האַנט.

— דו פאָרסט מיט מיר! — זאָגט לייבעלע — ער פאָרט אויך (ער ווייזט אָן אויף מיין שותף מאַדעל).

— און וואָס וועט זיין מיט אַמעריקע? — פרעג איך.

לעאָן טראָצקי גיט אויף מיר אַ קוק מיט דיאָויגן פון געוועזענעם „דעפּוטאַט פון אַל־רוסישן אַרבעטער פאַראיין".

— ער איז אַ בורזשוי! זאָגט מיין שותף מאַדעל — איך פאָר!

מקנא געווען האָב איך אים, נאָר ווי האָב איך געקענט פאַרלאָזן „מיין שטעטעלע ניו־יאָרק" אַז אַ מעבל־געשעפט האָט מיר צוגעזאָגט 5 פּולע בלעטער אַנאָנסן?

אַ יאָר גייט אַוועק, אַביסל מער. און איך הער פון מיין געוועזענעם שותף מאַדעל: ער שרייבט:

„... איך בין דער „אויפזועער פון תפיסה" („נאַטשאַלניק־טורמע"). ביי מיר זיצן געהויבענע געסט. פליעכאַנאָוו פילאָזאָפירט, אַז ביים צאַר האָט די קאַשע געהאַט אַן אַנדער טעם. היינט האָט מען געבראַכט אין תפיסה איינעם מיט אַ הדרת־פנים — פיעטער קראַפּאָטקין..."

ווען מאָדעל איז אַוועק מיט טראָצקי'ן קיין מאָסקווע האָט ער זיין אַנאָנסן־געשעפט איבערגעגעבן צו מיינעם אַ ווילנער חבר, שלום פיין, דער אַרויסגעבער פון „קיבעצער". (מאָלע וואָס עס מאַכט זיך). נאָר ווען לייבעלע טראָצקי, דער איד, איז אַוועק אין גלות, איז מאָדעל, קענטיק, אַוועק אין העכערע ספערן. אויף מיין גורל איז דאַן אויסגעפאַלן צו האַלטן אַ הספד נאָך אונזער לייבעלען פאַר „איבערגעקערטע טראָצקיסטן".

„...לייבעלע... דו ביזט דער מחבר פון באַרימטן פסוק: „דער שטאַט האָט אַ רעכט צו ליקווידירן דעם איינציקן — פאַר די גוטסקייט פון אונזערע אור־איניק־לעך". וויל איך דיך בעטן, לייבעלע: אַזוי ווי דו קומסט נאָר פאַר דער פמליא של מעלה, זאָלסטו איבערלייענען אַן אויפשריפט פון שטערן איבערן כסא הכבוד: „כל המקים נפש אחת כאילו מקים עולם כולו"... דער וואָס ליקווידירט איין איינ־ציקן מענטשן איז פונקט ווי ער וואָלט חרוב געמאַכט די גאַנצע וועלט... באַקען זיך אויך, לייבעלע, מיט ר' יוחנ'ען וואָס האָט געשלאָסן תלמוד ירושלמי, וועט ער דיר ווייזן אַ פסוק: „עתיד אדם ליתן את הדין על כל מה שראו עיניו ולא נהנה בהן", מען וועט שמייסן מיט פייערדיקע ריטער יעדן איינצנעם וואָס איז געווען אַ „באַנטשע־שוויג" און האָט ניט הנאה געהאַט פון דער וועלט. דער יחיד האָט אויך אַ רעכט צו עסן קרעפּלעך...

אי, וואָס שלום אַש'ס דערלייזער שרייט אויס: גבירים, צעטיילט אייער פאַרמעגן און לאָמיר אַלע הונגערן — איז דאָס געווען בעפאָר קאָלאָמבוס האָט געפונען אַ לאַנד פון בולבעס, קוקוריזע און אינדיקעס.

און אַזוי ווי מיר לעבן אין אַ צייט פון „צופיל", שרייט אויס דער נייער משיח: —

— קבצנים!

צעטיילט אייערע בעבעכעס צווישן די מיליאָנערן און לאָמיר אַלע עסן קרעפּ־לעך...

* * *

כאָטש אין „טאָג" האָבן געאַרבעט גרויסע שרייבער, דאָך האָט ד. הערמאַלין מיך געבעטן אים העלפן אויספילן די לעצטע פיידזש מיט הומאָרעסקעס... שפּעטער איז אָנגעקומען שלום עליכמ'ס איידעם, ב. צ. גאָלדבערג מיט זיין שאַרפע פען און דער אַרויסגעבער מאָריס ווינבערג האָט מיך אויפגעפאָרט מיט געיבריעל היטער און געזאָגט: זאָל אונז אַזוי ניט פעלן קיין אַנאָנסמענטס ווי עס וועט אונז ניט פעלן קיין פּאָעזי.

איך בין געוואָרן דער „מנחם מענדל" פון ניו־יאָרק. דער אונטערשייד פון יע־הופּיצער מנחם מענדל ביז צו מיר איז געווען דאָס, וואָס ביי מיר איז דער סטאָק־מאַרקעט אַרונטער אין איין נאַכט פיר ביליאָן דאָלער... מיט אַ פּאָר פּענעס מער ווי באַדריפּיטשער לופט־אידן האָבן געקאָנט ציילן.

* * *

און אין דעם „שוואַרצן יאָר" ווען איך בין אַרונטער פון די טרעפּ פון דער באַנקראָטירטער גרעסטע אידישע באַנק, וואָס האָט מיך פינאַנסירט, האָט מיר גע־שווינדלט פאַר די אויגן, פונקט ווי מיט יאָרן צוריק אין ווילנע צום ליטעראַרישן אָוונט, ווען פייגעלע האָט ניט געוואָלט מער הערן מיינע ליבע־לידער. אין די אויערן האָט מיר גערוישט. און מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך הער דעם קול פון וואָלל־סטריט:

— וואַרפט אים אַרויס!

און דעם שטראָף האָב איך פאַרדינט. לייענענדיק עבדה־זרה־חכמה, האָב איך פאַרגעסן תורת־אמת. משלי:

דבש מצאת אכל דייך פן תשבענה והקאותו.

...האָסט געפונען אַ בינשטאָק פרעס זיך ניט איבער — וועסט אָפּגעבן צוריק...

אַ סך ליטווישע און גאַליצישע אידן (היימישע שניידער און שוסטער) וואָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזן אויף בראָדוויי צו „כאַפּן ענדיקעס", האָבן געמוזט דאַן איבער־געבן די שליסלען פון זייערע באַנקען — צו די „יאַהודים" פון וואָלל־סטריט.

— „דער הימל פאַלט צו דער ערד"
„מער וועט אַמעריקע ניט קומען צו זיך"
די אַרבעטסלאָזיקייט וואַקסט... פינף מיליאָן...
צען מיליאָן... דער „קונדס" שטאַרבט...
ערנסטע צייטן קומען...

דאָס זיינען געווען די קעפּלעך פון די צייטונגען.

שטעלט זיך אַוועק אין מיטן וואָל־סטריט אַ געוועזענער אַנאַרכיסט פון בראַנ־זוויל און זאָגט. לאָמר, אַזוי צו זאָגן:

— מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק האָב איך געהערט אין אָרטשאַרד סטריט אַ רעדע פון דעם רעדאַקטאָר פון דער אַנאַרכיסטישער „פרייער אַרבעטער שטימע". דער רעדאַקטאָר האָט אַ קראַץ געטאָן זיין שפּיציק בערדל און אויסגעשריען:

— אַרבעטער וואָס וואַרט איר?

די שטאָל האָט צוגענומען קאַרניגע, די אויל — ראָקעפעלער, די ריל־עסטייט — אַסטאָר, דאָס געלט — מאָרגאַן!!! די קענדי־סטאָרס — וואָלוואָרט — היינט וואָס איז שוין פאַר אייך געבליבן?

מאַכט אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע! הויבט אָן! און געענדיקט האָט דער געוועזע־נער בראַנזווילער אַנאַרכיסט מיט די ווערטער:

— איצט גיט אַ קוק וויפל נייע אינדוסטריען זיינען אויסגעוואַקסן זינט דאַן! — זעט! אָט האָסטו אַ נייע אינדוסטריע — ראַדיאָ... דער אָנפירער פון דער ראַדיאָ־סטאַציע, וואָס פאַרנעמט אין אידישן לעבן אַזאַ פּלאַץ ווי אַ טעגלעכע צייטונג איז געווען איינער וואָס האָט אַליין געשריבן לידער. העגרי גרינפילד, ער האָט מיר גע־האָלפן בויען אַ פּראָגראַם פון „תורה, חכמה און געזאַנג". האָב איך אָנגענומען דעם פּסעוודאָנים „ראַבין זיידמאַן".

דער נאָמען האָט אַ לאַנגע היסטאָריע וואָס האָט זיך געצויגן פון די טעג ווען איך בין געווען אַ „פּרוש". פּורים פּלעגן די פּרושים מיך אָנטאָן אַלס „פּורים־רבֿ", אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע מיט אַ שטריימעל, ווייל איך האָב געהאַט אַ „חיתוך הדבור". אָנגעטאָן ווי אַ רבֿ האָבן די פּרושים מיך געפירט איבערן שטאָט צום מרא־דאתרא. איך האָב געהאַלטן אַ דרשה איבערן פּסוק „ונוח מאויביהם" איז די קשיה: ווי קומט נח אין דער מגילה? אַלע פּרושים האָבן אַריינגעוואָרפן זייערע חכמות, פּאַלקלאָר בטלנות. דער עולם האָט געלאַכט. ווען איך בין פאַרטיק געוואָרן מיט מיין דרשה, רופט זיך אָן דער אַלטער רבֿ פון שטאָט:

— איך גיב דיר סמיכה אַלס אַ „פּורים־רבֿ".

בין איך „אין מיין שטעטעלע ניו־יאָרק" געוואָרן — אַ „ראַדיאָ רבֿ".

דערציילט האָב איך מיין קהילה די שיינע מעשה'לעך, וואָס איך קלייב שוין באַלד זעכציק יאָר.

דער עולם האָט זיי אויפגעכאַפּט. אַ סך פון די מעשה'לעך ווערן איבערדערציילט פון פּראָפעסיאָנאַלן. איך האָב אויך פּאָר מיינע זינגערינס איבערגעדיכטעט „געזאַנגען פון בראָדוויי". ווייל די לידער זיינען געקומען פון אידישע קוואַלן...

* * *

איינע פון די מעשה'לעך האָט זוכה געווען דערציילט צו ווערן פאַר „ניין און נייני‍ציק מיליאָן צוהערער" פון גרעסטן מעשה־דערציילער — פּרעזידענט פרענקלין ד. רוזוועלט. געקומען איז עס צו אים „וויאַ" צבֿי הירש רובינשטיין — בערנאַרד זעמעל — ריכטער ראָזמאַן.

איקענער צייט האָבן די שונאים פון „ניו־דיעל" אַטאַקירט רוזוועלט'ן פאַר ניט וועלן זיך טרעפן מיט די רעפּובליקאַנער —

איצט קומט די מעשה'לע נוסח קאַלעלישאַק:

— קינדער! זאָגט דער רבי — אַז איר וועט לערנען תורה וועט איר גיין אין גן־עדן.

די חדר־אינגלעך קוקן אָן דעם רבי'ן תמ'עוואַטע.

— שקצים! — שרייט דער רבי — קיינער פון אייך וויל ניט גיין אין גן־עדן?! ענטפערט איינער פון די אינגלעך:

— רבי מיר ווילן אַלע גיין אין גן־עדן, אָבער ניט מיט „בערקע דעם קישעניק".

„נאָט וויטה טהיס באנטש!" האָט רוזוועלט פאַרענדיקט.

ווי שיין רוזוועלט האָט ניט דערציילט, קלינגט עס אין אידיש שענער. ווייל דאָס איז איינע פון מיינע „מעשה'לעך וואָס מען קען זיי ניט דערציילן אין קיין אַנדערע שפּראַך — נאָר אין אידיש".

דעם גרעסטן ערפאָלג האָב איך געהאַט ביי מיין מיליאָן צו הערער מיטן „צענערל". מיט יאָרן שפּעטער האָב איך געהערט ווי מען דערציילט עס אין פאַר־שיידענע נסחאות. איך האָב דעם „צענערל" געבראַכט פון קאַלעלישאַק אין דעם נוסח:

קומט צופאָרן אַן אורח אין קאַלעלישקער אכסניא פרעגט גרונם דעם בעל אכסניא ביי דעם אורח:

— רב איד, ווילט איר פאַר מיטאָג מילכיקן באָרשט?

— ניין, רופט זיך אָפּ דער אורח — איך ליב ניט קיין כיקע און אויך ניט קיין שיקע —

— איז וואָס ליבט איר, רב איד?

— איך ליב מילך, פליישׁ!

— וואו זאָל איך אייך נעמען פליישׁ? — קלאָגט זיך פאַר אים דער בעל־אכסניא, אַז איך קום דעם קצב אַ צענערל... און מער געטרויט ער ניט.

צעלאַכט זיך דער אורח אויפן קול:

— אַ צענערל...! כאַ־כאַ! אַ צענערל!

— וואָס לאַכט איר נאָך פון מיר?

און דער אורח לייגט אַריין זיין האַנט אין קעשענע, נעמט אַרויס אַ שפּאָגל נייעם צענערל און זאָגט: נאַט אַ צענערל און צאָלט חובות!

דער אכסניא׳ניק נעמט דעם צענערל און באַצאָלט זיין חוב צו אלימלך דעם קצב. און — ווען אלימלך דער קצב האָט דערזען דעם צענערל איז אים געוואָרן פרייליך... און באַלד, יאָ, באַלד האָט ער זיך גענומען קראַצן אין דער פּאָטיליניצע:

— איך מוז דאָך באַצאָלן דעם אָקסן־הענדלער אַ צענערל... וואָס איך בין אים שולדיק.

און ווען דער אָקסן־הענדלער האָט אַריינגעקראָגן דעם צענערל איז ער גלייך אַוועק צום באַלעגאָלע און באַצאָלט זיין חוב... און דער באַלעגאָלע — ווי נאָר ער האָט דערטאַפּט דעם צענערל איז ער גלייך געקומען צולויפן צו גרונם דעם בעל אכסניא און באַצאָלט, וואָס די יונגען האָבן אָנגעגעסן. און ווי נאָר גרונם, דער בעל אכסניא האָט צוריק אַריינגעקראָגן דעם צענערל... דעם שפּאָגל נייעם צענערל, איז ער צוגעלאָפן צום אורח און באַצאָלט דעם צענערל, וואָס ער האָט ביי אים געבאָרגט.

און נאָכדעם ווי דער אורח האָט אָפּגעגעסן דעם פליישיקן מאָלצייט, איז ער צוגעגאַנגען צום אויוון, האָט אָנגעצונדן דעם צענערל און פאַררויכערט זיין ליולקע ציבוק.

— וואָס טוט איר?

שרייט גרונם דער בעל אכסניק — דער צענערל ברענט!

צעלאַכט זיך דער אורח:

— כאַ! כאַ! ס׳איז דאָך אַ פאַלשער צענערל.

— אָט אַזוי — האָב איך פאַרענדיקט — צאָלן אויס די פינאַנסירן אונזערע חובות מיט פאַלשע צענערלעך, און דאָך — שטימט דער חשבון...

* * *

אָט די מעשה׳לע האָט מיך באַרימט געמאַכט. איך בין ניט געוואָרן קיין מילטאָן בורל, אָבער דער פּאָפּולערסטער אידישער „עם־סי״ בין איך יאָ געוואָרן. און אַפילו מיינע חברים, די פיינשמעקער, וואָס הערן ניט קיין אידישע ראַדיאָ, האָבן מיך גע־נומען איינלאַדן צו זייערע אונטערנעמונגען. פאַר דעם כבוד האָב איך אַליין געקויפט

אַ פּאָר צענדליק בילעטן און צעטיילט צווישן מײנע פריינט. — איך גלויב אין „ברב עם״. איך דאַרף אַן עולם...

און אַזוי ווער איך איינגעלאַדן פון דר. אברהם אייסען צו זיין דער יושב ראש אין ברוקלין סענטער, לכבוד דער דיכטערין שרה רייזען.

איך האָב עס אָנגענומען מיט פרייד. טאַקע דערפאַר אַליין וואָס שרה רייזען האָט אויסגערעכנט, אַז איך בין אַ ווייטער קרוב פון די קוידענעווער רייזענס, וואו מיין זיידע רב אברהם עקיבא (רובזעוויטשער דיין) האָט געוואוינט.

איך אַליין האָב אַ געוויסע צייט געגעסן טעג אין קוידאַנאָוו און געלערנט אין בית מדרש, וואָס אברהם רייזען האָט פאַראייביקט. נאָך היינט — אַז איך מאַך צו די אויגן, זע איך דעם זייגער פון מאי קאַ משמע לן.

און אפשר טאַקע האָט אַ ניצוץ פון די רייזענס פאַרבלאָנדזשעט אין מיין נשמה.

אַזוי ווי דער אָוונט איז געווען פאַר אַ דיכטערין, האָבן אָנטיילגענומען די באַ־קאַנטע אידישע דיכטערינס. מיט איינמאָל קומט אַרויף אויף דער בינע אַ דיכטערין, וואָס האָט פאַרלויכטן דעם זאַל מיט איר פערזענלעכן חן. אַ פרוי, מיט וועלכע אַמערי־קאַנער נאָוועליסטקעס שטאָלצירן, אַרויסצובערענגען אַזאַ מאַגנעטישן טיפּ.

מיך אַליין, דעם יושב ראש, האָט זי אַזוי פאַרכשופט, אַז איך האָב געפילט, אַז איך מוז איר דאָס זאָגן.

— פרץ! רופט זי זיך אָפּ צו איר מאַן — הער וואָס ער זאָגט!

פרץ הירשביין האָט געשמייכלט און מיך פאָרגעשטעלט פאַר איר: אַ חבר פון ווילנע.

די דיכטערין האָט געקוקט אויף איר מאַן, דעם שאַפער פון די „גרינע פעלדער״, און אויף מיר.

— וואָס שרייבט איר? — האָט זי געפרעגט.

— לידער פון אַמעריקאַנער לעבן! — האָט זיך ביי מיר אַרויסגעכאַפּט.

— איר האָט זיי? — האָט זי מיך דורכגענומען מיט איר קריטישן קוק.

— ניין. איך וועל... איך וועל זיי ערשט שרייבן.

אין דער מינוט האָב איך דערפילט, אַז איך מוז צעשטערן די קליינע טייוואָלים, וואָס שטייען מיר אין וועג. איך האָב זיך ווידער גענומען חברן מיט די דיכטער פון די „גאָלדענע זאַנגען — פון מרדכי דאַנציס טעג.

* * *

אַנומעלטן קום איך אַריין צו מרדכי דאַנציס. איך טרעף ביי אים אַ באַרימטן רב. דער רב קוקט קרום אויף מיין ראַדיאָ־פּסעוודאָנים. זאָג איך:

אָבער אויבן־אָן אין גן־עדן — וועל איך זיצן.

דער רב (מיט ביטול): לעבן וועמען וועט איר זיצן?

איך: לעבן צוויי קיבעצער!

דער רב (מיט כעס): ליצנות!

איך: ניין רבי!

און איך דערצייל אַ מעשה'לע פון גמרא תענית:

רבי ברוקאַ האָט געהאַט גילוי אליהו. (ער האָט זיך געטראָפן מיט אליהו הנביא). פרעגט רבי ברוקאַ: זאָג מיר אליהו הנביא, מיט וועמען וועל איך זיצן אין גן־עדן?

ענטפערט אים אליהו הנביא:

— זעסט יענע צוויי אידן אויפן מאַרק? זיי וועלן זיצן אויבן־אָן.

אליהו הנביא ווערט נעלם. רבי ברוקאַ קוקט אויף די צוויי אידן און וואונדערט זיך: לערנען לערנען זיי ניט, איך זע זיי ניט אין בית־מדרש, קיין צדקה גיבן זיי ניט — קבצנים — גייט ער צו צו זיי און פרעגט:

— אידן, וואָס טוט איר?

— מיר זיינען קיבעצער... ענטפערן די אידן.

רבי ברוקאַ בלייבט נשתומם: אין גן־עדן קיבעצער?! פרעגט ער איבער:

— אידן, וואָס טוט איר?

זאָגן זיי: מיר זיינען קיביצער און אַז מיר זעען אַ אידן — וואָס אים איז אומעדיק, גייען מיר צו און מאַכן אים פריילעך!

— איר פאַרדינט גן־עדן... האָט געזאָגט רבי ברוקאַ.

דער רב: גלויבט איר אַז דערפאַר וואָס איר לערנט בלויז אגדה — וועט איר זיצן אין גן־עדן?

איך: איינשטיין זאָגט אַז יאָ.

דער רב (מיט כעס): אַ ראיה פון איינשטיין! ביי אים איז דאָך צוויי מאָל צוויי פינף...

* * *

איך האָב אויך אַרויסגעצויגען פון מיין זכרון מעשה'לעך און לעגענדעס פון אידישע בדחנים. ווען איך בין גרינערהייט געזעסן ביי אליקום צונזער אויף איסט־בראָדוויי און ראַטקער סטריט, און פאַרבראַכט מיט זיין שיינער טאָכטער חנה'לע, האָט ער דערציילט אַ מעשה'לע: „די פאַטשיילע".

אָט איז זי אין מיין נוסח:

אַ איד ווערט געבאָרן (וואו צוויי — ער: אַ דריטער)
די וועלט נעמט אים אויף קאַלט, נו כאַפּט ער אַ ציטער.
מיט אימפּעט צולויפן קומט גלייך באָבעביילע
און דושעט אים איין אין דער באָבעס פאַטשיילע.
איז חדר אַ מתמיד, אַ קעפּל — אַ ווײלע.
זיין אָנבייסן טראָגט ער אין באָבעס פאַטשיילע.
דערלעבט זיין בר־מצווה: „אַ גאָלדענע כלי" —
פאַר תפילין אַ זעקעלע ווערט די פאַטשיילע.

אין וועלדל ביים טייכעלע וועגעלעך פירן.
און אידעלע גייט מיט זיין כלה שפּאַצירן.
זיי ווילן זיך זעצן בלויז אויף אַ ווײַלע,
צעשפּרייטן זיי אויס אויפן גראָז די פּאַטשיילע.

אַ מזל׳דיקע שעה! חתן כלה באַשליסן
די פרוכט פון דער הייליקער ליבע געניסן,
ווערט פריילעך אין שטעטל, מען רופט גלייך אַ מנין,
כדי מיט פּאַטשיילע מקבל זיין קנין.

ביים אַלטן בית מדרש — פון חופּה די שטאַנגען
מיט אידל׳ס פּאַטשיילע באַהאַנגען.
— הרי את מקודשת! און גלייך אין אַ קרענצל!
עס גייט די פּאַטשיילע אַ חתונה־טענצל.

דעם טשאָלנט אויף שבת די ווייבל טוט קאָכן.
אין מרחץ וואַשט אידל אָפּ זיין אינדערוואָכן,
מקבל זיין שבת, אַ שטאָלצער, אַ ריינער —
פּאַטשיילע באַגלייט אים: אַ גאַרטל אַ שיינער.

אַוועק איז דער שבת, ווי באָבעניו ביילע,
צעזינגט זיך די ווייבל פון אונטער פּאַטשיילע:
— אוי, גאָט פון אברהם, גיב ברויט דיינע אידן
און גיב אונז אַ וואָך פון ישועות און פרידן.

פון וויג ביזן קבר באַגלייט די פּאַטשיילע
רב אידלען, פּונקט ווי אַ שוועסטער אווילע.
שאַ! שאַ!
מען רופט אין דעם לאַנד פון די אבות.
עס וויינט די פּאַשיילע:
צדקה תציל ממות!

* * *

די נשמה פון אַ לאַנד קען מען דערקענען נאָך די לידער וואָס מען זינגט. ווען יעקב אבינו האָט געשיקט זיינע קינדער אין מצרים, האָט ער זיי געזאָגט:

— נעמט מיט „מזמרת" הארץ. האָט עס מיר געטייטשט מיין טאַטע ז״ל:

— נעמט מיט די „געזאַנגען" — די אידישע ליד נעמט מיט, וואו איר זאָלט ניט גיין!

די „נייע אידישע ליד" אין אַמעריקע ווערט געזונגען פון אַ הונדערט דיכטער.

די געזאַנגען פון בראָדוויי — האָב איך אַריינגענומען אַלס אילוסטראַציע צו די „מעשה׳לעך פון מיין שטעטעלע ניו־יאָרק". ווייל זייערע טענער זיינען: הקול קול יעקב.

אַרויסגעהאָלפן אין מיין ראַדיאָ־פּראָגראַם האָט מיר ישראל ראָזענבערג, אַ זון פון אַ גאון, וואָס האָט איבערגעזעצט דעם „זוהר הקדוש" אין העברעאיש. אַליין אויך אַ למדן. אויך זיין פרוי ווערא, וואָס האָט דאַמאָלט אָפּגעדרוקט אין אַ בוך דער־ציילונגען. אונזער פּראָגראַם איז געווען געבויט אויף פאָלקלאָר הומאָר און סאַטירע.

איך האָב אויך באַאַרבעט פאָלקלאָר אין לידער. ווי דאָס ליד:

אַ באָבע־מעשה

פּאַסירט האָט דאָס
צוריק מיט יאָרן;
אַ אינגל איז
צוגאַסט געקומען.
פּאַרויטלט־בלאַס
בין איך געוואָרן,
ווען ער האָט
מיר אַרומגענומען.

צום האַרצן —
ט'ער מיך צוגעצויגן;
אַ קוש — אַ שטיפערישן
געגעבן
און צוגעפּינטלט
מיט די אויגן:
כ'האָב דיך אמת
ליב, מיין לעבן.
כ'בין שוין פון אים
ניט אָפּגעטראָטן:
אַ טוצנד קינדער
אים געבאָרן,
געניית, געוואַשן
און געבראָטן —
ביז איך בין
אַ באָבעניו געוואָרן
און אַלץ דערפאַר נאָר
וואָס אַ אינגל
האָט מיר אַמאָל
אַ קוש געגעבן.

און אַלץ דערפאַר נאָר
וואָס אַ אינגל
האָט מיר אַמאָל
אַ קוש געגעבן.



איך בין באַקאַנט געוואָרן מיט מיין נייעם נאָמען. אַפילו מיינע נאָענטע האָבן מיך גערופן מיט'ן נייעם נאָמען. א. ל. באַראָן איז געבליבן אַ זכר פון אַ אינגל וואָס האָט אָנגעפאַנגען זיין געזאַנג אויף צו הויכע טענער...

יענע טענער האָבן שפּעטער געפונען אַן אָפּקלאַנג אין אַ סעריע „גאָלדענע זאַנגען", געשריבן פון איינעם, וואָס ווען איך בין געקומען אין אַמעריקע האָט ער פאַרנומען אין מיין האַרצן דעם פּלאַץ פון מיינע חברים די „אינגלעך־פּאָעטן" פון ווילנע.

דער רעדאַקטאָר פון „טאָג" — מרדכי דאַנציס. ער שרייבט:

... באַראָנען, דאַרפט איר וויסן, געדענק איך פון דער ערשטער וואָך, ווען ער איז געקומען אַהער פון ווילנע. איך זע אים: אַ יונג בחורל, אַ אינגל, דאָס פּנים'ל, פּאָעטיש בלייך, מיט אַן אויפשפּראַץ פון אַ לייכטער פאַרב אין די באַקן. די געדיכטע

זאַמדיק־בלאָנע לאָקן קרויזן זיך אויף זיין קאָפּ, רוען ניט איין און צעפּאַלן זיך איבער זיין שטערן. ער, באַראָן, האָט געשטימט, לויט זיין גאַנצן אויסזען מיטן בילד, וואָס מען האָט געהאַט אין די ראָמאַנטישע צייטן פון אַ יונגן פּאָעט.

באַראָן איז געקומען אַהער מיטן אַריאַל פון „בונד״ אויף זיין שטערן. ער איז געווען פון די יונגע פּאָעטן, וואָס דער „בונד״ האָט אַרויסגערוקט. ער האָט געהאַט אַלע עלעמענטן פון אַ לירישן פּאָעט. ס'איז געווען שטימונג און זינגוודיקייט אין זיינס אַ ליד. האָט דער „פּאָרווערטס״ אויפגענומען באַראָנען מיט פּאַראַד. קאהאן האָט אָפּגעדרוקט אויף דער שפּיגל־זייט פון „פּאָרווערטס״ אַ גאַנצן ציקל פון זיינע לידער, צו אַזאַ כבוד האָט נאָר מאָריס ראָזענפעלד זוכה געווען.

מרדכי דאַנציס אין „גאָלדענע זאַנגען״.

מרדכי דאַנציס (איינער פון די אינגלעך־פּאָעטן אין ניו־יאָרק) האָט זיך קיינמאָל ניט אָנגעשלאָסן אָן די קנאים. ווי אין משלי י׳ :

על כל פשעים תכסה אהבה.

* * *

כאָטש אַ מיליאָן אידן הערן מיינע מעשה'לעך יעדע וואָך, אָבער טיף אין האַרצן נאָגט אַ בענקשאַפט.

שטיי איך אַזוי אַ פּאַרחלומטער, קוק אויפן הימל. אַן עראָפּלאַן וואָרפט אַרויס שטיקער רויך. דער רויך קנוילט זיך אין ווערטער. איך לייען : לאָן? — וואוהין?

מיט איינמאָל שטייט פאַר מיינע אויגן אַ פרוי, מיט פייערדיקע אויגן.

— א. ל. באַראָן! — זאָגט זי.

— ניין! — ענטפער איך. (איך האָב שוין טאַקע דעם נאָמען כמעט פאַרגעסן)

— יאָ. זאָגט די פרוי — א. ל. באַראָן. זי דעקלאַמירט מיין ליד (וואָס הערי לאַנג האָט געזאָגט : די ערשטע בונדיסטישע ליד אין אַמעריקע) :

מיר שטייט פאַר די אויגן
מיין ליטווישע שטעטל,
די גאַניקלעך, געסעלעך —
פונקט ווי אַמאָל.

אַ ניגון פון שול
און אַ קלינגען פון קלויסטער,
אַ ניגון פון חדר,
אַ קרעמערקעס קול.

* * *

די ווערטער האָבן מיך דערמאָנט אַ זונטיק נאָכמיטאָג אין קלינטאָן האָל. דער האָל איז געפּאַקט. קאָפּ אויף קאָפּ. איך לייען „מיין ליטווישע שטעטל״. דער עולם שטורעמט. אַ יונג מיידעלע טראָגט מיר צו בלומען.

(אָט די בלומען — האָט מיר געזאָגט דער דיכטער א. בערגער, האָבן אים גע־מאַכט צו קלערן, אַז פּאָעזי איז אַ גרויס געשעפט אין אַמעריקע.)

ווען די פרוי האָט דעקלאַמירט „מיין ליטווישע שטעטל״ האָב איך אַריינגעקוקט אין אירע פייערדיקע אויגן, מיר האָט זיך געדוכט, אַז דאָס איז דאָס מיידל וואָס האָט מיר צוגעטראָגן די בלומען, יענעם זונטיק נאָכמיטאָג — פייגעלע, די ווילנער בונדיסטקע .

איך קוק ווידער אַריין אין אירע אויגן. איך דערקען זי טאָקע אויף אַן אמת. אַ שטראָם ערינערונגען באַהערשן מיך :

— העלאָ, פייגעלע, — זאָג איך, — איך געדענק נאָך דיינע ווערטער : „וואָרפט אים אַרויס!״

פייגעלע: איך האָב דיך ניט אַרויסגעוואָרפן. דו האָסט זיך אַליין אַרויסגע־וואָרפן! איצט זאָג איך וואָרף זיך אַריין! וואָרף זיך אַריין צוריק אין שרייבן לידער. איך געדענק דיינע ווערטער פון ווילנע: לעבן מיינט: לידער... ליבע... קושן...

* * *

מיט איינמאָל קריג איך אַן איינלאַדונג פון אַלעקסאַנדר קאַהן, געשעפטספירער פון „פאָרווערטס״.

אַלעקסאַנדר קאַהן, אַ באַרימטער לאַיער, האָט מיך געקענט פון די טעג פון די „גרויסע געשעפטן״.

— ביז איצט — האָט ער געזאָגט צו מיר — האָסטו געבויט אידישע מיליאָ־נערן. איך גיב דיר אַ געלעגנהייט צו בויען נייע אידישע מיליאָנען.

אַ חבר פון די „גרינע יאָרן״ — סאול ריפקין אַ איד מיט אַ חוש פאַר הומאָר, קיבעצט:

— צו שפעט!

ענטפערט אים יעפּיס ישורין דראַמאַטיש:

— עס איז קיינמאָל ניש שפעט.

אַרטור רובין, דער טשעק־שרייבער פון „פאָרווערטס״, באַגעגענט מיך מיט נייע וויצן.

איך פאָר אין „פאָרווערטס״ עלעוויטאָר, באַגריס זיך מיט אב קאַהאַן, נאָך אַ שיידן זיך מיט אים פון צענדליקע יאָרן.

ער פרעגט מיך, צי איך הער פון מיין פעטער, הרב משה אהרן לעווין (אם לבינה) פון ווילנע. איך בלייב שטיין איבעראַשט פון זיין גאונישן זכרון.

און דאָ הויבט זיך אָן מיין „צוריקקער״. י. קאַמינסקי, (אַ חבר פון די אינגלשע יאָרן) נעמט ביי מיר אַ ליד פאַרן „קינדער זשורנאַל״.

אין אַ פאָר טעג אַרום באַגעגענט מיך אין עלעוויטאָר ג. כאַנין און זאָגט:

— אַ לידעלע וואָס זינגט זיך אַליין.

אַ פריידיקייט צעוואָרעמט מיין האַרץ.

כדי געבן מער ליכט צו מיין מעשה — ברענג איך אַ מעשה'לע וואָס איך האָב געהערט פון נ. כאַנין.

(אַ שוואַרצע קאַץ איז דורכגעלאָפן צווישן אים און דעם „בונד״ מסתמא צוליב ישראל־שטעלונג. דאָך קומט ער צו אַ מיטינג. אַלע וואונדערן זיך). דערציילט כאַנין:

— ביי אונז איז געווען אַ שניידער וואָס האָט ליב געהאַט צו „טאַנצן אויף אַלע חתונות״. ער האָט זיך אָבער „איבערגעטאַנצט״ און פאַרשטערט די שמחה. זאָגט צו אים דער גביר פון שטאָט: איך מאַך חתונה אַ טאָכטער. נאַ דיר עטלעכע רובל, אָבער זאָג מיר צו אַז דו וועסט ניט קומען טאַנצן. דער שניידער נעמט צו די עטלעכע רובל און זאָגט צו ניט צו קומען.

אין מיטן דער חתונה — ער איז דאָ.

זאָגט דער גביר: — העי, האָסט דאָך צוגעזאָגט ניט צו קומען.

ענטפערט דער שניידער:

— איך בין ניט געקומען „טאַנצן״. איך בין נאָר געקומען זען ווי אַ חתונה זעט אויס אָן מיר.

אַט די מעשה׳לע פֿאַרענטפֿערט אַ סך קשיות.

די מעשה׳לע דערציילט אויך, אַז די מענשן וואָס האָבן מיך אין ווילנע אַריינגע־פֿירט און אַרויסגעפֿירט פֿון פּאַעזי־פּרדס, ברענגען מיך צוריק, נאָכדעם ווי די „קליינע טייוואַלעם" האָבן געשריען:

— וואַרפֿט אים אַרויס.

* * *

נ. כאַנין איז אַריין אין „בונד" נאָך אין אָנהײב פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. מיין נאָמען איז אים געווען באַקאַנט פֿון דער „פֿאָלקסצייטונג". און איבערהויפּט האָט ער אַן אידעאַל „צוריקברענגען די פֿאַרבלאָנדזשעטע". (דאָס האָב איך געהערט אין זיינס אַ רעדע צו אַ דינער פֿון דער „סאָציאַליסטישער פֿעדעראַציע").

מיין לידעלע ווערט אָפּגעדרוקט אין „קינדער זשורנאַל" מיט אַן אילוסטראַציע.

חד־גדיא

ביי דעם סדר
האָט מיין טאַטעניו
געזאָגט צו מיר:
— פֿאַר דעם נביא אליהו
עפֿן אויף די טיר.

עס עפֿנט זיך די טיר — פֿון „פֿאָרווערטס".

עס קומט אַריין אליהו הנביא —אין דעם געשטאַלט פֿון אַ חבר פֿון די ווילנער „אינגלעך פּאָעטן" — ז. שניאור.

מיר דערקענען זיך.

מיר צערעדן זיך.

ז. שניאור: וואָס האָסטו אויפֿגעטאָן?

איך ווער רויט — פֿאַרשעמט.

ז. שניאור: וואָס האָלסטו דאָס אין האַנט?

איך וויַז אים די חד־גדיא, ווי איך מאַטער זיך צו איבערזעצן איר אין העבֿרעאיש.

אויף מאָרגן ברענגט מיר ז. שניאור אַן איבערזעצונג. איך נעם לייענען:

בליל הסדר אבי מורי
בקול בן חורין סח לי:
לכבוד זקנינו אליהו
בני, הדלת פתח לי.

איך לייען און וויין.

איך לייען און זינג.

אפילו אין העברעאיש —

— עס זינגט זיך אַליין.

ז. שניאור׳ס גאוניש דיכטען האָט מיך איבעררעשט. עס קומט אַריין אין „פֿאָרווערטס" שלום סעקונדע.

ער לייענט דאָס לידעלע און זינגט.

ער שרייבט מוזיק —

עס זינגען אידישע קינדערלעך אין די אידישע שולן. צבי סקולער דער „גראַם

מייסטער" גיט דאָס ליד צו זינגען אויף זיינע פּראָגראַמען. פון די פּראָגראַמען — אין אידישע היימען.

ז. שניאור דרוקט אָפּ דאָס לידל אין פּסח־נומער „הדואר־הנוער". — און מען זינגט „חד־גדיא" אין העברעאיש.

— דו האָסט מזל!

זאָגן מיר חברים־דיכטער.

און ז. שניאור זאָגט צו מיר:

— דו האָסט אַ יקר־המציאות — סאַטירע.

ז. שניאור איבערזעצט נאָך אַ ליד. איך וויל אים צאָלן. ער וויל ניט נעמען קיין געלט.

איך ברענג אים אַ לענגערע ליד „בראָדוויי".

— קיינער קען ניט בראָדוויי מיט אירע „ענדיק כאַפּער" אַזוי גוט ווי דו...

זאָגט צו מיר שניאור — ברענג מיר אַלץ וואָס דו האָסט.

און איך גלויב, אַז איך האָב געהאַט מזל — ברענגענדיק אים „וועלטן אונבאַרירטע". ווייל אַז „די זון איז גאָלדיק" האָט נאָך שניאור געוואוסט — ווען ער איז געזעסן אויף ווילנער שלאָס־באַרג, וואָס האָט אַריינגעקוקט אין דער ווילייע.

איך האָב אים געבראַכט „די גרעסטע גאַס אויף דער וועלט, וואָס אידן האָבן אויפגעבויט" — בראָדוויי.

די גאַס, וואָס האָט מער פון אַלע געהאָלפן אין דער גאולה — פון גלות און אין דער גאולה פון האַרעפּאַשניק... די גאַס וואָס האָט געזען די גרעסטע דעמאָנסטראַציעס פאַרן פרייען מענשלעכן ווילן. די גאַס, וואָס האָט געהערט די התקוה און די „מאַרסיליעזיע".

ז. שניאור — דיכטער איבער דאָס ליד. מנחם ריבאַלאָוו, רעדאַקטאָר פון דעם „הדואר" דרוקט עס.

לעאָן אַרקין, אַ זאַמלער פון פאָלקלאָר, דרוקט אָפּ בראָדוויי אין זונטיק־„פאָרווערטס".

אין „העולם", אין ישראל — ווערט געדרוקט „תרנגל־הודי וכלב" און — אין „דבר־השבוע" פון ישראל ערשיינט „החכם". (אין אידיש — אין י. ליבמאַנ'ס וואָכנבלאַט)

— דו האָסט מזל! —

חזרן איבער מיינע חברים — ז. שניאור, וואָס האָט אין זיין לעבן קיינעם ניט איבערזעצט — **זעצט דיך איבער! — זאָגט אַ. קאַרלין, רעדאַקטאָר פון די „פעדער".**

יאָ, איך האָב מזל!

* * *

און דאָס איז דער זלמן שניאור, וואָס צו צוואַנציק יאָר האָט ער שוין געהאַט אין זיין אוצר אַ „שטיין", „באַרג־אַראָפּ", „טראַלאַלאַ", „הערבסט מאַטיוון" און „קאַרשן".

די אַלע לידער געפינען זיך אין מ. באַסינ'ס ערשטע אַנטאָלאָגיע

מ. באַסין שרייבט:

„מיט זייער בענקשאַפט און זאָרגלאָזער שפּילעוודיקייט שטייען זיי גאַנץ אַליין אין דער אידישער דיכטונג".

און ז. שניאור דיכטעט איבער מיינע לידער.

— הכל תלוי במזל!

און אַז דער מזל שפּילט, לייען איך מיין ליד „שנת תרצ"ח צו אַ יוגנט־חבר. ער איז אַ סך אינגער פון מיר. ווען איך האָב זיך געקענט מיט זיין שיינע שוועסטער בלומקע, איז ער נאָך געגאַנגען אין סיטי־קאָלעדזש.

— חיים ליבערמאַן.

זיצנדיק אין „פאָרווערטס" ביי מיין טישל, דערפיל איך אַ ווייטיק — מיין אויער! דער רבי „דרייט מיר אַן אויער".

מסתמא האָב איך געזינדיקט. איך דריי אָפּ מיין קאָפּ — דער רבי, חיים ליבערמאַן.

— ער שגצ'ט אויס:

— מען דאַרף אייך „אַנדרייען פאַרן אויער". אַזאַ ליד האַלט מען אין קעשענע?

— (דאָס האָט פּאַסירט אין די מוראַדיקע טעג) — דרוקט עס! זייט ניט עובר, אויף: הכובש נבואתו לוקה. (סנהדרין פ"ח.) דער וואָס באַהאַלט זיין געזאַנג, דאַרף מען „אַנדרייען אַן אויער"...

דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון „אידישן קעמפער", שלמה גראָדזענסקי, האָט עס געדרוקט. און אונזער גרויסער קינסטלער, אברהם רייזען, איינער פון מיינע ערשטע רעדאַקטאָרס האָט געזאָגט:

— אַ גוט ליד.

איך קום אַריין אין אַ בוך־געשעפט קויפן דעם „הדואר" מיט מיין ליד.

אַ באַקאַנטע פרויען שטימע באַגריסט מיך:

— שלום ל'ך, משורר! (זיי באַגריסט, פּאָעט)

די שטימע איז מיר באַקאַנט. די שטימע וואָס האָט מיט אַ קאַרגן האַלבן יאָר־הונדערט געשריען:

— וואַרפט אים אַרויס!

— פייגעלע! לויף איך צו.

— אל תקרא פייגעלע אלא צפּורה! מיין נאָמען איז צפּורה — (אין העברעאיש פייגעלע) זאָגט זי מיט אַ ישראל־הברה.

און זי דערציילט מיר, אַז זי קומט פון ישראל, וואו צוזאַמען מיט אַנדערע בונדיסטקעס — האָבן זיי פאַרגאָסן זייער בלוט פאַר גאולת ישראל.

— פייגעלע — זאָג איך — איך בין דיך מקנה, וואָס דו האָסט אין ישראל זיך אויסגעלערנט העברעאיש. ווען מיר האָבן זיך געקענט אין ווילנע, האָב איך אויך געשוועבט אויף צוויי פליגלען: העברעאיש און אידיש.

פייגעלע: ווי אַ טייבעלע.

אַרעליב: אַ גוטער פאַרגלייך פייגעלע, ווייל אונזערע קלוגע זאָגן טאַקע: אַלע פייגל ווען דער יעגער פאַרוואונדערט איין פליגל פאַלט זי אַרונטער, אָבער אַ טייבעלע קען פליען אויף איין פליגל. און דערפאַר ווערט טאַקע ישראל פאַרגליכן צו אַ טייבעלע.

פייגעלע: דיין משל איז גוט טאַקע פאַר דיר — איך האָף, אַז דו וועסט נאָך פליען צוריק אויףביידע פליגלען... נאַר — וואָס ווייניסטו, אַרעליב?

— איך וויין, ווייל רבי אליעזר האָט געזאָגט: על האי שופרא דבלי בארעא. איך וויין אויף די שיינע יאָרן פון מיין לעבן, וואָס זיינען אַוועק אין גאָר ניט.

פייגעלע: עס איז קיינמאָל ניט שפּעט, אַרעליב. בראַדוויי איז געווען דיין „חדר פון לעבן"...

אַרעליב: געדענקסט, פייגעלע, אין איוויע, ווען דו האָסט מיר צוגעטראָגן נאָך אַ „משמור" אַ הייסע חלה'לע?

פייגעלע: ביזט דאָן אַוועקגעלאָפן. איך האָב געבענקט נאָך דיר.

אַרעליב: איך בין ניט אַוועקגעלאָפן פון דיר. איך בין אַוועקגעלאָפן פון זיך. איך האָב דעמאָלט געקראָגן אַ בריוועלע פון נחם סאָקאָלאָוו'ן:

לדברים של מה בכך אין מקום. פאַר מעשה'לעך אָן מעשה'ס איז ניטאָ קיין פּלאַץ אויף דער וועלט...

פייגעלע: אָבער איצט, וויסטו שוין די מעשה פון לעבן.

אַרעליב: יאָ. איך האָב קיין זאַך ניט געטאָן אין אַמעריקע, נאָר געלעבט...

— זע, אַרעליב, רייסט זיך אַרויס פון פייגעלעס ברוסט אַ קינדערישע באַגייסטערונג, ווען מיר האָבן זיך געזעצט אויף אַ באַנק — זע... אָט איז די זעלבע בלימעלע, לעבן וועלכער מיר האָבן זיך געזעצט מיט פיר צענדליק יאָר צוריק, יענעם זונטאָק, ווען איך האָב דיר צוגעטראָגן בלומען צו אַ קאָנצערט אין קלינטאָן־האָל.

אַרעליב: פייגעלע, וואָס־זשע איז ניט די זעלבע? די וועלט איז אַלעמאָל די זעלביקע, די בוימער, די בלומען, אַפילו די מענשן זיינען זי זעלבע, נאָר די נעמען זיינען אַנדערע.

פייגעלע האָט זיך פאַרטראַכט.

איצט — הער!

די מעשה'לע האָב איך געהערט פון מענדעלע מוכר ספרים אין ווילנע. דערציילט האָט דער זיידע:

צוויי אידן זיינען אַמאָל אויפגעשטאַנען קאיאָר, גענומען אַ לאַנגן שטריק און זיינען אַוועק הינטערן שטאָט. ניט לאַנג געטראַכט, האָבן זיך די אידן אַוועקגעשטעלט פון ביידע זייטן גאַס, וואָס פירט אין שטאָט אַריין. איין איד האָט גענומען איין עק פון שטריק אין האַנט, דעם צווייטן עק פון שטריק האָט ער געגעבן דעם צווייטן אידן. און ווער ס'האָט נאָר געוואָלט אַריינפאָרן אין שטאָט, האָבן זיי געמוזט געבן אַ דרייער. יאָרן זיינען אַוועק. די אידן האָבן אויפגעהאָדעוועט זייערע קינדער. חתונה געמאַכט די טעכטער און — קיינעם איז ניט איינגעפאַלן זיי פרעגן: מי שמך? ווער האָט אייך דאָ אַוועקגעשטעלט?

פייגעלע האָט זיך צעלאַכט.

פייגעלע: איך האָב די לעצטע יאָרן אויסגעפאָרן אַ וועלט, און די מעשה'לע קען מען דערציילן אין יעדן פּלאַץ וואו אידן וואוינען. אַפילו אין כנסת... אָבער וואו איז דיין ווערטל „לעבן מיינט ליבע... לידער... קושן...?"

אַרעליב: איך גיב איצט צו נאָך אַ וואָרט — לאַכן.

פייגעלע: לאַכן איז אידיש?

ארעליב: פאַרוואָס פרעגסטו?

פייגעלע: זאָגט ניט דער נביא: פריי זיך ניט איד, ווי אַלע פעלקער?

ארעליב: דער נביא האָט געמיינט: ראַהאַטשעןַ... אָן אַ „מאי קאָ משמע לן"... אָבער לאַכן פרייען זיך — איז אידיש. פאַרקערט דער געצנדינער לאַכט גאָר ניט, ווייל ווען ער לאַכט, פּלאַצן ביי זיין שטיינערנעם גאָט די „דשזאָנדז־שעס"...

פייגעלע: אָבער לאַכן איז אידיש?

ארעליב: וואָס הייסט? אַ איד מוז לאַכן, אויסלאַכן, חוזק מאַכן, ווי אין דער פאָלקס־לעגענדע.

פייגעלע: אַ אידישע לעגענדע איז ביי מיר דער בעסטער „כיבוד".

ארעליב: דערצייל איך טאַקע:

די לעגענדע דערציילט, אַז ווען גאָט האָט פאַרענדיקט צו שאַפן די חיות און די פייגל פון דער וועלט, איז אים איבערגעבליבן שטיקלעך און ברעקלעך פון וועלכע ער האָט געשאַפן אַ מענשן. און די וועלט האָט דערזען דעם ערשטן שמייכל — דער מענש האָט געלאַכט.

זיינען געקומען די חיות צו גאָט מיט אַ מסירה'לע אויפן מענשן:

— ער לאַכט. ער לאַכט פון אונז.

— אַזוי האָב איך אים באַשאַפן — האָט דער באַשעפער געענטפערט.

— האָסט זיך ניט מיט וואָס איבערצונעמען — האָבן די חיות געדעוועט — האָסט ניט געשאַפן קיין אָריגינעלע זאַך. ער האָט אין זיך ניט קיינע אייגענע מעלות, אויסער דעם געלעכטערל.

— למשל? — פרעגט דער באַשעפער —

שלאַנג: ער האָט אַ גיפטיקע צונג.

שפּין: ער וועבט חלומות.

מוראַשקע: ער גרייט אָן זיין שפּייז.

וועוויורקע: ער איז פלינק.

בער: ער שפּילט טעאַטער.

וואָלף: ער האָט ליב שעפּסן־פלייש.

בהמה: ער איז מעלה גירה.

אָקס: ער האָט הערנער.

פערד: ער בריקעט זיך.

האָן: ער ראָמאַנסירט.

אָדלער: ער וויל פליען אין די הימלען.

הונט: ער הנפט.

קאַץ: ער האָט ליב סמעטענע.

קראָקאָדיל: ער פאַרגיסט פאַלשע טרערן.

היענע: ער האָט אַ פאַלשן שמייכעלע.

מאַלפּע: ער קרימט נאָך.

פאווע: ער בלאָזט זיך.
סאָווע: ער זעט אין דער פינצטער.
קאַנאַרעק: ער זינגט.
בין: ער גיט האָניג און שטעכט.
קאַטשקע: ער קען ניט און שווימט.
פּאַפּוגיי: ער רעדט וואָס ער ווייס ניט.
חזיר: ער לאָזט אַ צווייטן חזיר ניט עסן.
הירש: ער פאַרפּלאָנטערט זיך.
פוקס: ער איז כיטרע.
טשערעפּאַכע: ער קריכט.
שמעטערלינג: ער גלויבט אין עולם הזה.

* * *

— איז וואָס זאָל איך מיט אים טאָן? האָט געפרעגט דער באַשעפער, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעהערט זייערע טענות.

— נעם אַוועק פון אים די אייגציקע זאַך: זיין געלעכטער, און גיב עס אונז.

— וואָס וועט איר טאָן מיט דעם, חיות?

— מירן לאַכן.

— לאַכן קען נאָר דער וואָס ווייגט.

— לאַכן קען דער וואָס בענקט, דער וואָס זעט דעם חוזק פון דער וועלט, דער וואָס פילט דעם אומעט פון לעבן דער מוז לאַכן, כדי דאָס האַרץ זאָל ביי אים ניט פּלאַצן — האָט געענטפערט דער באַשעפער.

* * *

עס איז שוין געווען האַלבע נאַכט, ווען איך האָב געענדיקט דערציילן. פייגעלע איז געזעסן ווי אַ פאַרגליווערטע.

— פייגעלע! — האָב איך זי אויפגעמונטערט מיט אַ קוש. זי האָט אַריינגע־שאַרט אירע פינגער אין מיינע האָר און צופנדיק האָט זי געזאָגט איראָניש:

— דו האָסט זיך נאָך אַלץ ניט אויסגעלערנט צו מאַכן אַ ברכה! אַ קלינגנדיקער געלעכטער האָט געריסן די שטילקייט פון העסטער פּאַרק. און נאָך אַ מינוט פון שווייגן:

— דו ביזט גערעכט, ארעליב, פון דיין מעשה'לע קען מען לערנען, אַז לאַכן איז טאַקע אַ אידישע מצוה, ווייל אַ איד האָט מער צרות פון אַלע גאָט|ס באַשע־פעניש...

ארעליב: עס טוט מיר הנאה, פייגעלע, וואָס דו פאַרשטייסט די ווערטער פון נביא הושע, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך, ווי אידישער הומאָר און אידיש לאַכן.

פייגעלע: אָבער, אַז דו ביזט אַזוי דורכגעדרונגען מיט אונזערע נבאים, היינט פאַר וואָס באַפּוצטדו ניט דיינע אידישע לידער מיט העברעאישע גראַמען, ווי עס איז איצטער „די מאָדע״?

— „די מאָדע״? פרעג איך איבער — האָט דער נביא ישעיהו אויך געשריבן ווי „די מאָדע״ פון גריכישן האָמער וואָס האָט געלעבט אין יענער צייט? ניין, פייגעלע! איך וויל שרייבן אידיש ווי מען רעדט אין קאַלעלישאַק, אין קאַלאָמיי,

אין תל אביב, (כידבר איש אל רעהו) און איך וועל זיך ניט דערשרעקן ווען אַ פײַ־געלע וועט אויסשרייען:

— וואַרפּט אים אַרויס!

פייגעלע: מיט „פייגעלע" מיינסטו די אידישע קולטור־ליבהאָבערין?

ארעליב: יאָ.

פייגעלע: אַ דאַנק. נאַר, דעם אמת זאָגנדיק איז טאַקע דאָ אין מיר אַ געפיל אויסצושרייען:

— וואַרפּט אים אַרויס!

ארעליב קוקט זי אָן.

פייגעלע: עס ווילט זיך מיר אויסשרייען: וואַרפט זיי אַרויס! אָט די יעניקע וואָס טראָגן אַוועק אונזערע אוצרות צו די גוים.

ארעליב: באַרואיג זיך פייגעלע, אונזערע קליגע האָבן דאָס שוין קלאָר געמאַכט מיט אַ שיינעם משל:

פייגעלע: זע, ווי די לבנה און די שטערן האָבן אָנגעשטעלט זייערע אויערן צו הערן וואָס אַ מענש רעדט.

ארעליב: און אָט איז אַ משל:

אַ טאַטע האָט געהאַט צוויי זין און צוויי געשעפטן: אַ שענק און אַ גאָלד־געשעפט. איין זון יעקב איז געווען אַ רב, דער צווייטער זון, עשו, איז געווען אַ שיכור. ויהי היום — דער טאַטע שטאַרבט. מען עפנט די צוואה.

— מיין זון יאַנקעלע, דעם רב, לאָז איך איבער די שענק און מיין עשו'קען, דעם שיכור, לאָז איך איבער מיין גאָלד־געשעפט. די צוהערער זיינען געווען דערשטוינט פון אַזאַ צוואה.

שפּעטער, אין לעבן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער טאַטע האָט געוואוסט וואָס ער טוט: דער צווייטער זון, עשו'קע, דער שיכור, האָט פאַרשיכורט זיין גאָלד־געשעפט ביי זיין ברודער יאַנקלען אין שענק און די אוצרות זיינען געבליבן ביי דער פאַמיליע...

פייגעלע: זע ווי די לבנה האָט זיך צעשמייכלט! ווי די שטערן האָבן זיך צופינקלט!

ארעליב: זאָג, זאָג — השמים מספרים... מיר פראַוון דאָך חצות.

פייגעלע: ביזט מיר אַלץ שולדיק אַן ענטפער: פאַרוואָס גראַמסטו ניט דיינע אידישע לידער מיט העברעאישע שפּיל־ווערטער?

ארעליב: איך האָב דיר געענטפערט, אַז איך וויל ניט פאַרשוועכן מיין אידיש.

פייגעלע (אָנגעצונדן): פאַרשוועכן?! פאַרקערט! דאָס פאַראייניקט אידיש מיט העברעאיש!

ארעליב: מיין ניט, אַז דו ביזט די ערשטע וואָס פרעגט. פאַר דורות האָבן אונזערע קלוגע חוזק געמאַכט פון די וואָס שלעפּן אַריין הייליקע גראַמען אין די וואָכעדיקע לידער. אָט וועל איך דיר דערציילן אַ מעשה'לע:

פייגעלע: מיר וועלן שוין באַלד קענען דרוקן אַ ספר.

ארעליב: דאָס — שפּעטער. דערווייל, הער אַ מעשה'לע מיט אַ מוסר־השכל:

ווען דער נצי״ב (ראש ישיבה פון וואָלאָזשין) האָט חתונה געמאַכט זיינס אַ קינד האָט מען אַראָפּגעבראַכט פון ווילנע אליקום צונזער (דעם בדחן). דער־זעענדיק פאַר זיך אַזויפיל גאונים האָט ער געגומען וואַרפן מיט פסוקים, מאמרים און סתרי־תורה.

רופט זיך אָפּ דער נצי״ב ז״ל:

איך בין אַמאָל איינגעשטאַנען ביי אַ ישובניק. זע איך: דער ישובניק לייגט אוועק דעם ש״ס אויף דער ערד, אויפן ש״ס, מדרשים — הערנאָך שטעלט ער זיך אַרויף אויף די הייליקע ספרים מיט די שטיוול און נעמט אַראָפּ אַ קעיזל...

פּיגעלע (צעלאַכט זיך): הייסט עס, דער ישיבניק האָט אַרונטערגעשלעפּט די הייליקע ספרים צוליב אַ קעז׳ל.

ארעליב: די ענדע פון דער מעשה׳לע איז, אַז ווען מען איז געגאַנגען נעמען ס׳קעז׳ל אין מויל אַריין, האָט ער ניט געהאַט קיין אידישן טעם.

פּיגעלע (לאַכט): אָט די מעשה׳לע דאַרפסטו אַריינגעמען אין פאָרוואָרט פון דיין בוך.

ארעליב: דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך אַ שטאַרקן יצר־הרע אַריינצונעמען אַלע מעשה|לעך, וואָס איך קלייב פאַר קאַרגע זעכציק יאָר.

פּיגעלע: דו מיינסט יצר טוב!

ארעליב: אין אונזער פאָלקלאָר האָט מען זיך גראָדע באַנוצט מיטן וואָרט „יצר־הרע״ כדי אויסצודריקן אַ דראַנג פון דער נשמה, ווי אין דער פאָלקס־מעשה׳לע. ווילסטו הערן?

פּיגעלע: אַז די לבנה און שטערן האָבן געדולט צו דיר, פאַר וואָס ניט איך?

ארעליב: אָט איז די מעשה׳לע: (איך האָב זי נאָך ניט באַגעגנט אפילו אין די דרוש־ספרים) געהערט האָב איך עס אין ווילנע, אין הויז פון גאון רב חיים עוזר. אַ רב האָט דערציילט: דער ווילנער אפיקורס ראָזענשטיין האָט ניט געקענט זאָגן: „ניין!״ צום יצר הרע. זיין גרעסטע עבירה איז געווען „לא תסורו אחרי עיניכם״. (לאָזט זיך ניט פאַרפירן פון אייערע אויגן). פאַר זיין טויט האָט די פאַמיליע גערופן אַ רב צו זאָגן מיט אים ווידוי. ווען ראָזענשטיין האָט זיך גענומען קלאַפּן אין האַרצן מיט די לעצטע כוחות „על חטא״ האָט דער רב באַמערקט אין זיינע לויטערע אויגן ווי זיין אידישע נשמה האָט זיך צוריקגעקערט... אַפּזאָגנדיק דעם „מעבר יבק״, הויבט דער רב אָן:

— ש מ ע י ש ר א ל!

דער אפיקורת טוט אַ ציטער און זאָגט:

— רבי! דער יצר הרע!

דער רב איז געוואָרן אַ פאַרברענטער און זאָגט:

— אלישע בן אבויה! אַפילו ביים טויער פון גיהנום האָסטו ניט חרטה אויף דיינע זינד!

זאָגט ראָזענשטיין מיט אַ גוסס־שטימע:

— רבי, דער יצר הרע רעדט מיך אָן... עס ווילט זיך מיר, אַז מיין נשמה זאָל, ווי ביי רבי עקיבאן, אַרויס פון מיר צוזאַמען מיט׳ן א־ח־ד...

אָט דער יצר־הרע, פּיגעלע, איז מיך איצט באַפאַלן.

* * *

ווען איך האָב געענדיקט האָבן שוין די שטראַלן פון דער זון אָנגעצונדן די פענצטער פון די אידישע צייטונגען — פּונקט ווי אַמאָל, אין איוויע, — די פענצטער פון שמש־הייזל, וואָס איז געשטאַנען לעבן טהרה־שטיבל. און פון וועלכער פייגעלע האָט מיר צוגעטראָגן אַ הייסע חלה׳לע. צווישן די שטראַלן האָב איך געזען אַ זעאונג: די „קליינע טייוואָלים״ צערינען.

— פייגעלע! האָב איך געזאָגט — דער „יצר־הרע״ הייסט מיך צעגויפּקלייבן אַלע מעשה׳לעך, וואָס איך קלייב פון דאַן אָן, ווען איך האָב געגעסן שבת ביים איוויער רב. איך וועל עס טאָן, ביז מיין האַרץ וועט ניט אַ מורמל טאָן: וואַרפט אים אַרויס!

בראָדוויי

— כאַ! כאַ! הודיני
מאַך די ליאַלקע גאַנץ!

באַשעלייע פון קאָלאָמייע

בראָדוויי

בראָדוויי —
גאַס פון קינאָ און טעאַטער,
סאַקסאָפאָנען און פאַפאַיע,
וואו די אַלטע באַלעוויירעס
זוכן ליבעשפּילן נייע.

גאַס פון רייכע קאַבאַרייען,
פול מיט „לעבאַטאָג" געזיכטער,
וואו ניכטערע זיינען שכור
און שכורים זיינען ניכטער.

גאַס, וואו גיהנום און גן עדן
קענען קיינמאָל זיך ניט שיידן;
גאַס וואָס „פּעדעלט"
מיט רהעטאָריק
און פּרנסה ציט זי
פון עראָטהיק
גאַס, וואָס קוויקט זיך מיט בורלעסק
און מיט קלאַסישע סימפאָניע:
וואו די דזשיגאַלאָס צעשטערן
די האַרמאָניע
פון מאַטרימאָניע.

גאַס, וואָס זינגט:
איך שפּיגל אָפּ
אַמעריקעס נשמה:
וואו אַ קאָובאָי פון אָקלאָהאָמע
אין וואוילינגערישע שטיוול,
מעקסיקאַנישע סאָמברעראָ
מיט אַ לאַסאָ אין די הענט
קומט זיך אַמוזירן.
מיט אַ סקידלער ליטוואַטשקע
גייט געאָרמט זיך שפּאַצירן
צו אַ מאַטינע
אויף בראָדוויי.

בראָדוויי —
גאַס וואו מחנות שטייען
אַ שורה נאָך אַ שורה
צו קויפן מצה שמורה,
אַפּלאָדירן מיט געשרייען
אונזער יאָסעלע קאַרוזאָ
וואָס פאַרגייט אין הויכע טענער:
— „אַ טשעלעסטיאַ אַאידאַ!”
מיטן הייליקן פּאַטאָס
פון „שלש עשרה מידות”.
און דער זעלבער גרויסער עולם
בלייבט אָן כוח פון פּאַטשען בראַוואָ
אין דעם גרויסן היפּאָדראָם
ווי נאָר יאַנקעלע דער שמיד
שמשונס גבורה נעמט באַווייזן
בויגנדיק מיט בלויזע הענט
שווערע שטיקער אייזן,
פינטלט צו נאָך מיט די אויגן
פונקט ווי שמשון פון אַמאָל
מיט אַ זיגערישן קול:
— מיט מיין גלויבן
אָן כלי זין
קום איך אידן אייך באַפרייען.
און אין מיטן פון דעם טומל,
רייסט אַריין זיך ווי צום רומל,
אַ באַקאַנטער ניגון פון גמרא.
אין טעאָלאָגישן אַסימיליאַר
זיצט זין פון עבודה זרה
לערנען שור שנגח את הפרה
מיט פּלפּולים אַלערליי
פון אַ הון וואָס האָט אום שבת
געלייגט אַן איי —
אויף בראָדוויי.

בראָדוויי —
גאַס פון „הוליע קבצן"
און פון „גוטע צייטן",
וואו מיליאָנערן און קבצנים
רייבן זיך די זייטן.
און וואו יאַשקע קאַראַבעלניק,
וועלכער האָט אַמאָל אין שמעלניק
אומגעטראָגן פעק מיט צעלניק,
האָט משנה־שם געוועזן
אויף מיסטער דזשאָואי סקאַראַבעי
און זיך אויפגעבויט אַ קלייט
באַלד אַ מייל די ברייט
פול מיט סחורות כל'ערליי:
ערמין פוטערס פון ראַסעי,
ליאַלקעלעך — פון שאַנז עליזעי
פייגל מילך רפואות,
ירושלימער רצועות;
לכבוד חנוכה אַ לעמפל,
צי אַ גראַגעריל אויף פורים
און אויך אַלערליי סידורים.
און אפילו סידוריל „כל בו"
מיט מפרשים כל'ערליי
געפינט איר אין זיין קלייט
אויף בראָדוויי.

און ווען שער־ און נאָדל־העלדן
פון בראָדוויי, מיט וואָל־סטריט באַנקן
איינגעפאַלן צו קאָנקורירן
און — ניט היינט געדאַכט —
געוואָרן „וועלט־באַנקירן"

און די וואָלסטריט מאַניפּולאַציעס
האָבן די ליטווישע באַנקירן
געצוואונגען צו פאַרלירן
פּעק מיט אַסיגנאַציעס
פון אָרימע יתומים און אלמנות —
אין די הונדערטער מיליאָנען —
(כ׳וואָלט דעם חורבן
ניט געוואָלט דערמאָנען!)
האָט דאַן יאַשקע קאַראַבעלניק
צוגעהאַלטן די דאָלאַרן,
ווייל געדענקט האָט ער פון שמעלניק
ווען ער האָט געקאַראַבעלניק נאָך מיט צעלניק
אַז געלט פאַרלירן נאָר די נאַרן...
האָט ער אין „קראַך„ זיין געלט פאַרבאָרגן
און געוואָרן „באַלד״ אַ שותּף
פון אַ דזשיי פּי מאָרגאַן
איז אריין אין „פּאָליטישענס״ היכל
און געוואָרן איינער
פון פּרעזידענטס „טראָסט פון שכל״...
און ווען די שער און נאָדל העלדן
אָט די „ליטוואַקעס״ באַנקירן
וועלכע וואָלסטריט האָט געצוואונגען באַנקראָטירן,
געשמידטע אין קייטן

ווי פערד גנבים
אין סינג סינג
האָט מען זיי גענומען פירן
און טויזנטער יתומים און אלמנות
האָבן אויפגעציטערט
ווי פון אַ בייזן חלום
האָט וועגן זיי —
סקאַראַבעי
דערציילט די מעשׂהלע פון שמעלניק:
„שלימזלים״.

...ווען יאַנקעלע דעם פערד־גנב האָט מען
אַרויפגעטאָן צום הימלשן געריכט,
געוויינט האָט גאָרע שטעטיל, ווי ביים מת
צוקאָפנס: צוויי צעשמאָלצן חלב־ליכט.
אפילו פאַניעס פריסטאַוו האָט געווישט
אַ טרער פון זיין פאַרשכורטן געזיכט.

דער רב האָט זיך צעגאָסן מיט אַ הספדיל,
באַגלייט פון אַ צעיאָכמערטן געוויין:
„...ער איז געווען אַזאַ בעל־צדקה, אַז
דער גרעסטער צדיק קען לעם אים ניט שטיין.
איך קען אייך אָבער טרייסטן: זיינע בנים
וועלן אויך אין זיינע וועגן גיין...״

עס איז געווען אַ שטערנלאָזע נאַכט.
די פינצטערניש האָט אומגעבלאָנדזעט־בלינד.
די בנים האָבן מיט אַרסעניק־פלייש
שטיל אויסגעסמט פון גאַנצן דאָרף די הינט
און פון אַ שטאַל אַרויסגעפירט אַ פערד,
וואָס איז זיי נאָכגעגאַנגען ווי אַ קינד.

אויף מאָרגן האָט די גאַנצע שטאָט געקאָכט
מיט יאַנקלס בנים — ווען מיט בלוט פאַרשמירט
אַ דאָרף מיט גוים, האָט אין שטריק געבונדענע
צו פאַניעס פריסטאַוו זיי געפירט.
און שילטנדיק דעם כלל ישראל האָבן זיי
אפילו טויטן טאַטנס כבוד אָנגערירט.

— אוי, שלימזלים! יוכעט פאַניע און —
זיי די ציין פון מויל שיעור אויסגעקלאַפּט:
דער טאַטע איז געווען אַ פּראָסטער גנב
און גנבענען האָט קיינער אים געכאַפּט!
און אייך גנב׳מלעך מיט ברילן אויף די נעז
— האָט מען ביים ערשטן פאַל דערטאַפּט?

געבאָכעט האָט דער בכור: דער טאַטע האָט
קיינמאָל אַזוי געגנבעט געניאַל
ווי מיר די ערשטע נאַכט, ווען קונציק-פלינק
אַרויסגעפירט דאָס פערדעלע פון שטאַל.
נאָר פלוצים האָבן מיר דערזען אַן ענדיק
און כאַפּנדיק האָט ער אַזוי ברוטאַל
גענומען האַלדערן, דעם דאָרף צעוועקט...

— — — — — — — — — — — — — —

געוואָרן פּאַניעס נאַז איז צונטער-רויט:
— וואָס דאַרפט איר ענדיקעס? דער טאַטע האָט
דאָך אייך פאַרזאָרגט — אַ זיסע שטיקל ברויט?
פּשאַקרעוו! פערד-גנבים זייט איר דען?
איר זייט ענדיק-כאַפּער אונטער אייער הויט!

די מעשהלע דערציילט
האָט סקאַראַבעי
ווען די שער- און נאָדל-העלדן
פון בראָדוויי
פאַרגלוסט האָט זיך
מיט וואָלסטריט קאָנקורירן
און געשמידט אין קייטן
האָט מען זיי גענומען פירן —
אין סינג-סינג.

און געוואַקסן ווי אויך הייוון
איז שוין אונזער סקאַראַבעי
ביז געוואָרן
די קאָך-לעפל פון גאַס בראָדוויי.
אויך אַ גבאי ראשון
אין די שולן, טעמפּלען
פון אַלע דריי אמונות
און אַ צענדליק אַנדערע טריבונעס.
ווייל אויף בראָדוויי:
„אַן אַליין געמאַכטער מענטש" —
וואָס ער זאָגט איז — אַנעקדאָט.
דערצו האָט נאָך נאָך
אייגענע צען געבאָט.

די עשרת הדברות פון דזשאָו סקאַראַבעי

אנכי

דער איך ביי אַ בראָדווייער —
ער וואַקסט פון טאָג אַלץ גרעסער;
זיין חוצפה שטייגט צום הימל:
— לאָזט מיך, ווייל איך קען בעסער!

לא תגנב

ער גנבעט פרעמדע חכמות,
דער מענשעלע, דער קליינער —
פאַרזוכט ער שוואַרצע פינטלעך,
צעברעכט ער אַלע ציינער.

לא תענה

וואו אידן לערנען תורה
געפינט איר אים ניט דאָרטן;
זיין עטיקעט איז חניפה,
זיין גלויבן — שפילן קאָרטן.

לא תשא

פאַר אַלע פאַלשע געטער
בויט ער אַ מזבח;
זיין ווייראך־דעמאַגאָגיע
דערשטיקט אונז מיטן ריח.

זכור

די הייליקייט פון שבת —
דאָס וויל ער גאָר ניט פילן;
ווייל זונטיק איז זיין שבת,
זיין זמירות — שיחת חולין.

כבד

די אַלטע טאַטע־מאַמע
בכבוד — ווער קען האַלטן,
אַז ער איז גאָר אַ פּרעזידענט
פון אַלטע לייט אַנשטאַלטן.

לא תרצח

דערציט אַ דור המבול
דעגענערירט, פאַרדאָרבן;
דער תלמיד חכם איז ביי אים —
ביי דעם בור — דער ערשטער קרבן.

לא תחמוד

ער האָט אַ הארץ אַ לערע
און אויך אַ קאָפּ — אַ פּוסטן;
וואָס יענער טוט פאַרמעגן,
דאָס טוט זיך אים געלוסטן.

לא תנאף

זיין שכן האָט אַ ווייבל
און שיין ווי אַלע וועלטן;
פאַרברענגט ער זיינע שטונדן
ביי איר אין די געצעלטן.

אַזוי האָט פּעסימסטיש —
סקאַראַבעי גענומען קלאָגן.
נו, וואָס האָט אָרעלייב אים
געקענט דען אַנדערש זאָגן?

— דו זיי אַליין נאָר ערלעך
און גיי אין תורה וועגן;
מיט איין עם הארץ וויניקער
וועט אונזער גאַס פאַרמעגן.

* * *

נאָר אום חול המועד פּסח —
ביים יאָרצייט נאָך זיין טאַטן
אין דער תלמוד תורה שמעלניק
ווערט סקאַראַבעי מעטאַרמאָפאָזירט
אין אַ יאַשקע קאַראַבעלניק,
ווערט באַהעלט דאַן פון אַ נשמה יתירה
זינגט ער מיט טראָפּ און ניגון
פון יחזקאל די הפטורה:

„...מענטשן קינד!
וואָס זעסטו דאָרטן?
— איך זע פאַרקאַלכטע ביינער,
טויטע שטערנס, קנאָכן, ציינער,
בערג סקעלעטן, לעכער אויגן
מיט אַ גלות-וועב פאַרצויגן.
און עס זעען מיינע אויגן:
גליד צו גליד ווערט צוגעצויגן,
לייב מיט אָדערן באַצויגן.

הענט זיך שטרעקן!
ס'לייכטן אויגן!
און זיי שליסן זיך אין רייען
פון די אידישע אַרמייען.
מיילער — יאָרן־לאַנג געשוויגן
זינגען אַ גאולה־ניגון:
ונתתי רוחי בכם —
וחייתם...

* * *

סקאַראַבעים פילאָזאָפיע
איז באַקאַנט צו יעדן
צייטונג־שרייבער
פון בראָדוויי.
און זי לייענט זיך אָט אַזוי:
„...איך וויל ניט זיין
קיין באָנטשע שוויג —
אַ חניפה'ניק, אַ גוטער.
איך וויל ניט אָפּלעבן מיין וועלט
מיט אַ בולקעלע מיט פּוטער.
אויך ניט קיין שלום־עליכם־העלד
וואָס איז מכבד די עשירים
און פרייט זיך: אידן, מיר איז גוט:
איין קבצן —
אין אַ שטאָט מיט גבירים.
איך וויל מיין פולע עולםהבא —
אָבער עולם הזה
טאָר מיר אויך ניט פעלן.
— ווילסט ניט צופיל —
פרעגט איר מיך.
— ס'קען זיין!
איך מעג דאָך אָבער וועלן!"

* * *

בראָדוויי —
דאָ פאַרמאָגט אויך באַשעלאה,
טוקערקע פון קאַלאָמעע,
קאַפּעטירעלעך אַ מאה.
וואו עס עסן אַרבעטער

און פוסט און פּאַסע
פון יעדער פאָלק
און ראַסע:
אינדיאַנער, ליבעראַלן,
האָטענטאָטן, קאַניבאַלן,
ווילדע שבטים פון מאַלאַיע
וועלכע זיינען זיך מחיה
מיט גאַליציאַנער געפילטע פיש
ראָזינקע־זיס,
אַ ווילנער־מאַרק רעטשיסניקל
און פּאַרווייסטע קוידענאָווער שטאַשאַוו;
הייסע שורהבר קאָטלעטן
מיט אַ שיסל פעפערלעך
פון ישמעאל׳ס פעלדער —
וועלכע זיינען ווי זיין ליבע
צו זיין ברודער יצחק:
ביטערע ווי גאַל.
אַ גולאַשל אַלאַ מונקאַטש,
קישינעווער קאַשקעוואַל
און קאַפּטשאַנקעס פון אוראַל.
טיי פון הייסן סאַמאָוואַר,
שוואַרצע ברויט מיט „טונקעלע קאַוויאַר״,
וואַרשעווער פאַרפראָרענע „פּעציאַ״
מיט אַ „פּאָרציע הייסע יוגנט״
סערווירט פון אַ אידישער שיקסע
אַ ווייטערקע אַזאַ
וואָס שפּילט אין נאַכט קלובן
אָסקאַר ווײַלד׳ס סאַלאָמע
און זוכט איר פאַרלאָרענע נשמה
אין אַ קאַבאַרעי —
אויף בראָדוויי.

* * *

בראָדוויי —
וואו די ערשטע פידעלע
שפּילט אַ ווילנער אידעלע,
וועבט אריין די נשמה
פון בראָדוויי
אין אַ יענקי דודל לידעלע

דורכגעפילט
מיט אַ באַהאַלטן קרענקעניש
און די סטרונעס
וויינען אַזש
פון בענקעניש —
פון די טעג —
ווען מאַראַנצן־זאַפט געביידלעך
האָבן נאָך געהאַט אַ וויצע
פרעזידענט דעם ביאַלער רבינס
שמש: אייבי פון גאַליציע.

נאָר די „אידן־האַסער”, וואָס זיין
„איריש־ראָוז” האָט אים געבאָרן —
ניט געפּאַסט האָט זייער זיידן
טשעמפּ אָסאַלוויען — אַלס וויצע
פרעזידענט זאָל זיין אַ שמש
פון אַ רבין פון גאַליציע...
האָט דערפילט דאַן אייבי, אַז
זיין לעבנס־חלום ווערט צערונען,
ווי די חזיר־פּעטס, וואָס שטינקט
פון קיך... און „איריש־סטיו” פאַרבייטן
ניט געקענט האָט מאַמעס קוגל...
אויף בראָדוויי האָט „שיני־אייב”
פאַר זיך קיין אָרט שוין ניט געפונען.
— פאָר צוריק קיין קאָלאָמעע! —
האָט געהאַמערט אין זיין מוח.
נאָר אַנטלויפן פון דער „טומאה”
האָט ער ניט געהאַט קיין כוח.
איז אַראָפּגעשפּרונגען ער פון דער
מאַראַנצן־זאַפט־קופּאָלע
און אַוועק צו זיינע אבות...
און געמאַכט האָט אים אַ „מלא”
גראָד אַ ליטוואַק מיט אַ ציגן בערדל
און זיין „צדקה תציל ממות”
פאַרקלונגען האָט בראָדוויי
פונקט אין מיטן פון פאַראַד
פון סענטפּאַטריקס דעי.

* * *

און דער ווילנער אידעלע
שפּילט און שפּילט אַלץ

אויף זיין פידעלע
פון די טעג —
ווען איעדע שיף אין האפן
אויסגעלאָדן האָט די שקלאַפן
וועלכע האָבן —
אין דער „סוועטישער סיסטעמע"
אַ קלאָדינג אינדוסטרי באַשאַפן
אויף בראָדוויי —
פון די טעג —
ווען די ערשטע נאָדל-העלדן
פלעגן זיך
מיט סוויט-פּאַטייטעס לאָבן
און די גאָלד אין קלאָנדייק
האָט געשריען פון די בערג:
קומט מיך גראָבן!

פון די טעג —
ווען עס האָט געלעבט
דער מכשף פון בראָדוויי
וואָס שול קינדערלעך
דערציילן זיינע קלוגע
מעשהלעך און ענדע
כאָטש היינט איז עס
אַ בראָדוויי לעגענדע:

דער גוטער איד פון באַלטרימאנץ —
אַ גוטער בעטער זאָל ער זיין!
געשמט האָט אַלס בעל-מופת.
געוויזן האָט דער איד אַ נס:
מיט אַ פּסוק אויפגעוועקט אַ מת.
איז יעדן אין געדאַנק אַריין:
ער קען אפילו מחיה מתים זיין!

זיין אייניקל הודיני
דער מכשף פון בראָדוויי
ווען קינד און קייט האָט אַפּלאָדירט
מיט ווילדע קולות האַלבפאַרווירט —
צעשניטן האָט אַ פרוי אויף צוויי
און מיט אַ בלאָז געמאַכט זי גאַנץ,
להבדיל ווי זיין זיידע
דער בעל מופת פון באַלטרימאַנץ.

אין מיטן —
פון פאַרכשופטן סעאַנס:
אויפן דיל פון האַרטן שטיין
אַראָפּגעפּאַלן איז אַ ליאַלקע
פון אַ קליינער מיידעלעס הענט
און צעבראָכן זיך אויף צוויי —
ברעכט אויס דאָס קינד אין אַ געוויין:
— הודיני! מאַך די ליאַלקע גאַנץ
און ווי אַ רויש פון וואַסערפאַל
געזשומעט און געחוזקט
האָט דער גאַנצער זאַל:
— הודיני!
מאַך די ליאַלקע גאַנץ!

און דער אייניקל פון בעל מופת
געשטאַנען איז פאַרשעמט,
ביידע פויסטן איינגעקלעמט,
אויפגעפּראַלט די האָר פון קאָפּ,
זיין פּנים ווי אַ קאַלידאָסקאָפּ
אָט איז עס בלאַס און אָט —
שוין רויט,
אין קאָנוואולסיעס, ווי אַ רשע
פאַרן טויט.
פאַר זיינע אויסגעגלאָצטע אויגן —
אַ וואַקכאַנאַליע שדים-טאַנץ
אויף אַ בית עולם האַלבע נאַכט
און אשמדאי האָט זיך צעלאַכט:
האָ! האָ! הודיני!
מאַך די ליאַלקע גאַנץ!

* * *

ווידער שפּילט די פידעלע
פון דעם ווילנער אידעלע
אַ פּיקאַנטע לידעלע
פון „אַ מיידל פון בראָדוויי״:

...פון קאָפּ ביז פּיס — דער נייער בליק
פון „גרינעם״ ביזן „געלן דור״ —
דער בריק.

איז אויסגעפוצט מיט טעם
און ענטפערט חוצפהדיק —
צום גראַם.
פון לעצטער מאָדע
איז איר קלייד,
רעדט פון איינשטיין, שעקספּיר, פרויד.
האָט פון טאַנץ-זאַל „וואַקכאַנאַליע"
אַ דיפּלאָם
און רעדט פון שפּאַלטן דעם אַטאָם.
זי'ז אַ גאַסט ביי יעדער נייער פּלעי
וואָס מען שפּילט נאָר אויף בראָדוויי
און וואָס „געשמדטע האַלז"
האָט זיך פאַרוואָלט
געפינט זי שוין אַ יאָלד וואָס צאָלט.
אידעאַלן האָט זי פיל
און ווייס אַליין ניט נעבעך
וואָס זי וויל.
נאָר אַ מאַן זוכט זי אַ מיליאָנער.
אין אַלע בארס — שטאַרק פּאָפּולער.
צו טרינקען קאָקטעילס
איז דאָך ניט קיין זינד.
און לעבן איז ביי איר אַ וויץ.
פון איר זאָג
וואָס לייכט ווי בליץ,
דערקענסטו גלייך:
אַ אידיש קינד.

* * *

און אַזוי שפּילט און שפּילט
דער ווילנער אידעלע
אויף זיין פידעלע:
...פון די טעג —
ווען אויף דער פרעירי
פלעגן בולמוזען דאָרט שפּרינגען
ניט זאָגנדיק קיין ליגן
ווי אין קאַלעלישאָק די ציגן
און אַ סטעיק פון באָפלאָקס
האָט מען ביי דעם פליייש-טראַסט

ניט געדאַרפט גיין קריגן...

...פון די טעג —

ווען די ערשטע לאַנד רעגירער

זון פאַרברענטע אינדיאַנער פירער

שלאַנקע ווי די צעדער

מיט די קרוינען אָדלער-פעדער

וואָס געהויכערט האָבן

שלום-ליולקעס

און פאַרביסן פּיוריטאַנער בולקעס

און געטריקנט קוקורוזע,

יאָדרעס פון אַרבוזע,

פריש געשניטן היי

ביי דעם טאָל פון האָדסאָן טייך

וואו היינט:

בלענדט דאָס אויג

וויסן מענטשנס קעניגרייך:

טיימס סקווער —

בראָדוויי.

שפּילט אוים פון דעם אַלעם

— אויף זיין פידעלע

אונזער ווילנער אידעלע.

אין זיין יעדער לידעלע

אַ באַהאַלטן קרענקעניש

און די סטרונעס

וויינען אַזש

פון בענקעניש.

די נשמה פון אַ לידעלע

איך מאַך די וועלט

צו וויינען און צו לאַכן;

איך האָב קיין שפּראַך

און רייד אויף אַלע שפּראַכן.

פון ריינער ליבע

בין איך דער באַגרער,

פון שנאת חנם

בין איך דער צעשטערער.

איך האָב ניט קיינע
גרעניצן און צאַמען —
ווי מוטערליבע
האַלט די וועלט צוזאַמען.
איך וואוין אין אַ פּאַלאַץ
און אין אַ כאַלופּע;
חתן כלה פיר איך
צו דער חופּה.
דער שקלאַף און קעניג
זיינען מיינע שקלאַפן;
אין יעדן לאַנד
האָב איך אַ פרייען האַפן.
איך האָב קיין הארץ —
און טו אין הערצער דרינגען.
איך האָם צוואַנג
און טו אַלעמען באַצווינגען.
איך האָב קיין האַנט,
קיין פוס, קיין פליגל,
דאָך איבעראַל
לייג איך אַוועק מיין זיגל.
איך האָב קיין קאָפּ,
קיין מוח, קיין געהירן;
דאָך לאָזט די גאַנצע וועלט
פון מיר זיך פירן.
איך האָב קיין טאַטע-מאַמע,
קיינע גלידער;
דאָך זייט איר אַלע
מיינע שוועסטער-ברידער.

געזאַנגען פון בראָדוויי

„דערפאַר"

דערפאַר וואָס גיסט מיר
ליבע פאַר נדן
קריגסטו מיין הארץ:
אַ שפּיל פון „ווייב-און-מאַן".

דערפאַר וואָס דו
דערפרייסט מיך
מיט דיין ריר,
מיין מלאך, קום צו מיר!

דערפאַר וואָס דו
פאַרכשופסט
מיט דיין חן,
וועלן מיר
צו דער חופּה גיין
און איך וועל זאָגן
בטבעת זו
הרי את מקודשת לי.
ווייל דו ביזט מיר
פון גאָט אַליין באַשערט
גאָטס הייליק בונד
ווערט קיינמאָל ניט צעשטערט
אין לייד, אין פרייד
אין נחת און אין פּיין —
אייביק, אייביק בלייבסטו מיין.

ליבע

ליבע —
איז אַ הייליקער
געפיל.
אַ צוויי־הערצער
איין נשמה
שפּיל.
אפילו דאָס געוויין
פון ליבע
איז פריידיקשיין.
שיין און האַרציק
איז דער ליבעשפּיל.
פאַרלירסט דיין קאָפּ
פאַרלירסטו גאָרניט
גאָרניט פּיל.
ווייל געווינסט אַ האַרץ
און אַ לעבנס
ציל...
ליבע שפּילט מען ניט אַליין.
ליבעס קוש — איז
מלא חן.
און אפילו זיך ברוגזן
אין ליבע
איז אויך שיין.
טאָ זאָג מיר: יאָ!
שטאָט: ניין!
ליבע שפּילן
איז דאָך שיין!

מזל

ווער עס האָט אַביסל מזל, דער איז מיט לייטן גלייך;
ווייל מיט אַביסל מזל קען יעדער ווערן רייך.
און האָסטו ניט קיין מזל, מעגסטו זיין אַ מענטש אַ בראַנד —
בלייבסטו דער שלימזל, כאָטש שלאָג זיך קאָפּ אָן וואַנט.
ניט זאָג: איך בין אַ שמאַטע, ער די גאָלדענע פּאָן;
ער קען קיין חתימה מאַכן, דאָך מאַכט ער אַ מיליאָן.
ווייל אַז מען האָט אַביסל מזל, טרעפט מען וואו מען צילט!
ווייל מיט אַביסל מזל — אויך דעם נאַרן גילט.
ווייל אַ קליינער וואָרט ווי מזל קען מיינען פיל, אַ סך;
דו מוזט עס קריגן — וועסט דאַן זיגן —
מזל הייסט: לעב און לאַך!

חתונה טאַנץ

צו מיין פרוי חנה רבקה

גערענקסטו אונזער טאַנץ
פון דער חתונה-נאַכט?
מיר האָבן פון הייליקער
ליבע — געדאַכט.
מוזיק האָט געפלאָכטן
פון לידער אַ קראַנץ
און מיר האָבן ביידע
פאַרחלומט געטאַנצט.
דיין קאָפּ אויף מיין אַקסל
האָסטו איינגעקלעמט
און האָסט זיך געטוליעט
פאַררויטלט, פאַרשעמט.
צוויי הערצער געקלאַפּט: —
אויף אייביק זיין מיין!
באַגלייט מיט אַ קוש —
טיף אין הארצן אַריין.
אַוועק איז די נאַכט
די זון האָט געשיינט
כ׳געדענק נאָך דעם טאַנץ
ווי געוועזן וואָלט עס היינט.
מיר האָבן געשוואָרן
אויף אייביק זיין טריי
מיר טאַנצן אַ לעבן
דער טאַנץ איז נאָך ניי.

דער קוש

א חתן־בחורל — א פלאַטערל,
פאַרשייט — אין רעגנבויגן קליידער —
האָט זיך דערקלערט אין ליבע צו א רויז,
פאַרשפּראָכן „הייראַטן בלי נדר”...

די רויז האָט אויסגעשטרעקט דעם חתנדל
די זיסע ליפּעלעך, די רויטע;
דאָס פלאַטערל האָט זיך מיט איר צעקושט,
צעקושט און — גלייך געמאַכט די פּליטה.

פון אייפערזוכט געזשומעט האָט א בין:
„אוי, רויזעלע, ביזטו א שוטה!
דו לאָזט זיך אָפּנאַרן... אָט פלאַטערט ער
און קושט א רויזעלע א צווייטע”.

געענטפערט שמייכלענדיק האָט רויזעלע,
זיך באָדנדיק אין זונענשטראַלן:
— הער, בינעלע! אויף קושן רויטע ליפּעלעך
איז יעדערער א בעלן.

דאָס איז קיין סוד ניט צווישן בלומען!
ער האָט דען געמיינט מיר טאָן א רעה?!
טאָ זאָל מיין קוש אים וואויל באַקומען,
איך אַליין האָב אויך געהאָט הנאה.

צוויי בלומען

אין אַ טאָל פון ערגעץ־לאַנד —
ביי דעם בלויען הימל־ראַנד
בליען בלומען, בלומען צוויי
„ל א ה ל ע" איז ווייס ווי שניי.
ווי אַ כלה איז זי שיין
און ווי אומשולד לייכט איר חן.
און ביים ברעג פון הימל־ראַנד
„ר ו י ז ע ל ע", בלוט־רויט ווי שאַנד,
שפּיגלט זיך אין וואַסער־קוואַל,
אייגלט זיך צום זונען־שטראַל.
זשומט אַ בין: איך האָב דיך ליב!
— ר ו י ז ע ל ע, אַ קוש מיר גיב!
זשום־זשום־זשום!... זי קושט אים צאַרט
ל א ה ל ע פון קנאה קוואַרט.
טרייסט איר לינד דער מערב־ווינט:
קנאה, לאה, איז אַ זינד!
קומען וועט ער כאָטש פאַרזאַמט.
רויזעלען — דער פּנים פלאַמט...

טאַטע טאָג אויף בראָדוויי

איך שיק דיר, זונעלע, אַ חשבון.
איך מיין דאָס ערנסט — ניט געלאַכט;
פון געלט וואָס איך האָב אויסגעגעבן
ביז כ'האָב פון דיר אַ מענטש געמאַכט.

פאַר קימפּעט, הייבאַם, ווינדעלעך,
שיר המעלותן, אַ ברית —
דאָס האָט געקאָסט דעם טאַטן דיינעם
אַ גאַנצער טויזנטער געוויס.

היינט — קליידער, רבי-געלט און שפּילצייג,
טעאַטערס, ראָמי, ליבע שפּיל
אַ פופציק טויזנט דאָלאַריעטשיקעס
געוועז וואָלט גאָרניט, ניט צופיל.

סך הכל: פופציק טויזנט דאָלאַר
באַצאָל, מיין קינד! ניט מער ווי רעכט.
געענטפערט האָט מיר גלייך מיין קדיש:
יאָ, אמת, טאַטע, ביזט גערעכט!

ווען דו פלעגסט מיר אַ קוש נאָר געבן,
נאָר טו זיך, טאַטע, אַ דערמאָן!
פלעגסטו זיך גאָר מחיה זיין און זאָגן:
אַי! דאָס איז דאָך ווערט מיר אַ מיליאָן!

איז פריער טאַטע, סילוק אָפּ
די מיליאָנטשיקעס וואָס דו קומסט מיר,
באַצאָל איך דיר די פופציק טויזנט
סמאָליאַרטשיקעס וואָס איך קום דיר...

אַ חלום

(געווידמעט די בעלי־חלומות פון בראָדוויי)

לעצטן זונטיק אויפן פעלד
שלאָף איך איין אין טיפן גראָז —
חלום איך: איך בין אַ האָז
און ס'איז פריי פאַר מיר די וועלט
לויף און שטיף און שפּרינג אַרום —
ניט גע'דאגה'ט, ניט געטראַכט
און עס האָט זיך מיר געדאַכט:
ס'רופט אַ האָזיכע: קום! קום!
אין דעם שאָטן פון אַ קוסט —
כ'שפּרינג צו איר מיט הייסן לוסט,
טוליע זיך צו איר — צום ברוסט — — — —
פּלוצלונג טוט מיין ווייב אַ הוסט.
און — איך כאַפּ זיך אויף שטאַרק אויפגערעגט:
— גוואַלד, אידענע
— פאַרוואָס האָסטו מיך אויפגעוועקט?

די גאָלד פיש

(געווידמעט די פיש־כאַפּער פון בראָדוויי)

איך וואַרף אַריין אין לעבנס־ים
מיין „רעגן־בויגן־שטראַלן־שטריק"
ביים אוד — אַ מאָרגנשטערנדל:
אַריינגאַרן דאָס גאָלד־פיש „גליק".

פאַלט אַיין אַ קונדסל — אַ ווער
דעם שטערנדל — אַ קיצל טאָן...
ווערט ער צעפּלאַצט אַזש לאַכנדיק
צעשיט זיך אין זון־שפּיגעלעך —
אַזוי פיל... אפשר אַ מיליאָן!

אין יעדן שפּיגעלע — אַ פישעלע,
טאַנצט, פּליושקעט מיט איר ווײדעלע,
פאַרפּליושקעט בלינד מיין בליק.
עס שפּילן ים און זון אין בלענדעניש...
העי! וואו ביזטו גאָלד־פיש גליק?!


Music by Naum Nardi
רחמנות בשל גדיה
Andantino dolce
mp
p
Poco Più Mosso



Copyrighted 1949, by Naum Nards
all rights reserved

קוני איילענד

וואו בראָדוויי פאַרברענגט זונטיק נאָכמיטאָג
(אַ מנין סאָנעטן)

קוני־איילענד

דער ים אַנטלויפֿט
און קומט צוריק.

שטראָמט אַ מענטשן־ים צום ים
זומער־טאָג, דעם הייסן,
שלינגען אָפּגעקילטע לופֿט
אויפֿן זאַמד, דעם ווייסן.
לויפֿט דער ים אַוועק פֿון ברעג:
טרעט פֿאַר מענטשן אַפֿ דעם וועג.
שפּעטער קומט דער ים צוריק.
נעמען וועלן רעש׳ן,
וואָס זיי דאַרפֿן מענטשנ׳ס זינד
פֿון די ברעגן וואַשן.
מורמלען זיי צו זיך אַליין:
מענטשעלע! ס׳איז גאָר ניט שיין!
מענטשעלע! עס פֿעלט דיר חן!
מענטשעלע! ביזטו ניט ריין!

דער צעהיצטער

מיט אמאָל אַ יונג קומט אָן.
ברויזנדיק מיט לעבן.
און זיין מוח וויל ער איצט
רילאַקסאַציע געבן.
שפרינגט ער שנעל אין ים אַריין,
לאָזט זיך שווימען העלדיש־פיין.
כאַפּט אים אויף אַ וועל אויף שנעל,
ווערט מיט אים פאַרשוואונדן.
ברענגט אים אָפּ אָן אָטעם
שפּעטער מיט צוויי שטונדן.
איז דער יונג אָן אָטעם — טויט
און די זון פאַרגייט אין רויט.
פאַלט אַן אימה רונד אַרום.
און די וועלן בלייבן שטום.

דאָס געוויין

ווערט פון מענשן אַ געלאַף
און אַ גרויס גערודער.
ווי די מענשהייט וואָלט פאַרמאָגט
בלויז דעם איינעם ברודער...
קען דעם גאַנצן טראַראַם
ניט פאַרשטיין דער אַלטער ים:
יעדע רגע ווערט אַ וועל
אין זיין תהום פאַרלאָרן
און מיליאָנען אַנדערע
ווערן גלייך געבאָרן.
און די באָבע אייביקייט
ט׳גאָר ניט אָנגעוואָרן.
ווי מען גוואַלדעוועט און שרייט,
טרינקט אַ צווייטער זיך ניט ווייט.

שטרויענע אלמנות

מער פון אַלע שטאַרק געוויינט,
ליפּן זיך געביסן
האָט אַ מיידל בלוט-און-מילך,
זיך די האָר געריסן:
— מיין געליבטן גיט מיר אָפּ!
און האָט זיך געקלאַפּט אין קאָפּ.
— וואָס איז מיר דאָס לעבן ווערט?
איצט בין איך אַ טויטע,
אַז מיין חתן לעבט ניט מער! —
האָט געוויינט אַ צווייטע.
און אַ דריטע האָט געקלאָגט:
— אוי, ער האָט מיר צוגעזאָגט!
הערט דער אַלטער ים און קלערט:
— כ'האָב שוין דאָס אַמאָל געהערט.

אַן אַלטע געשיכטע

מאָרגן איז אַ נייער טאָג
שיינענדיק געקומען.
ביי אַ בחור אויף די הענט
איינע איז געשוואומען.
אַ יונג-אינגל צו איר ברוסט
צוגעדרוקט און היים געקושט
אויף זיין שטערן און אין מויל
האָט מיט פלאַם די צווייטע.
און די דריטע אויפן זאַמד —
טראַכט אויך ניט פון טויטע.
שטיפט מען ווידער און מען לאַכט
ביז דער בלויער זומער-נאַכט.
מורמלען כוואַליעס אין איין טאָן :
ס׳איז אַזוי פון אייביק-אָן.

א.

ים טראַגעדיע

עס האָט זיך אַ קינד פונם הימל —
אַ וואָלקן,
פאַרליבט אין אַ טאָכטער פון ים —
אין אַ וועל.
עס פאַסט ניט דעם הימל
דער שידוך:
ער איז אַ בעל־יחוס אַ גרויסער.
עס קאָכט זיך דער ים:
ער איז מקדמונים
דער וועלט׳ס גרעסטער עושר.
די קינדער, —
זיי לאַכן זיך אויס:
זאָלן זיך גרויסן
אַלטע נאַראָנים.

ב.

ראַנדעוואו

וועןשלעפעריק ווערט
באַבע־אייביקייט לייגט זי זיך
אונטער צוקאָפּנס אַ וואָלקן,
פּאַרציט איבערן הייבל אַ קאָלדרע
פון זיסע חלומות.
דער ים כאַפּט אַ דרימל,
עס פאַרמאַכט אויך דער הימל
די ליכטיקע אויגן —
דאַן גנבֿ׳עט זיך אָפּ
דער זון פונם הימל
צו דער טאָכטער פון ים,
וואָס שענקט איר געליבטן
אַ שוימנדיקן, רוישנדיקן,
ערדישן קוש.

ג.

עלטערן

דערהערט עס דער ים
און הויבט זיך אָן ווארפֿן
פֿון ברעג ביזן ברעג.
פֿון תהום שפּרינגען אויף
די שוימנדיקע טעכטער
און שטורמען
צום הימל אַ וועג...
עס דערוואַכט אויך דער הימל
פֿון שלאָף
און שיקט זיינע קינדער
די וואָלקנס, אין שלאַכט.
ווערט דאַן צעריסן
אין שטיקער — מילי־מיליאָסן
די נאַכט.

ד.

מלחמה

ברעכט אוים א מלחמה.
עס קעמפן די זין פונם הימל
מיט די טעכטער פון ים.
און שווימט אָן א שיף —
צעפּאַלט זי אין שפּענער.
עס רייסן זיך זעגלען,
עס ברעכן זיך מאַסטן,
עס טראָגן זיך קולות,
עס שפּאַלט זיך דער הימל —
עס טרינקען זיך מענשן...

עס האָט זיך א קינד פונם הימל —
א וואָלקן,
פאַרליבט אין א טאָכטער פון ים —
אין א וועל.

ימים טובים

מיין ליטווישע שטעטל

(יאָר 1905)

1

מיר שטייט פאַר די אויגן
מיין ליטווישע שטעטל:
די גאַניקלעך, געסעלעך —
ס׳ווערט נאָענט דער אַמאָל.
אַ שאָרכען פון שטיוול
אַ מעקן פון ציגן
אַ ניגון פון חדר
אַ הייליקער קול.
די פריזבעס מיט ווייבער,
עס סוד׳ן זיך מאַמעס
און זוכן צו ווערן
געטרייסט מיט אַ וואָרט.
— מיין הענקע וויל נעמען
אַ שוסטער, אַ חתן.
— און מיינע, אין וויַטער
אַמעריקע פאָרט.
די נאַכט קומט צוגיין
און די שטעטל אַ מידע,
פאַרזינקט אין חלומות
פון היימישן שלאָף.
דערהערט זיך אַ וויינען,
אַ תפילה פון תהילים,
עס פראַוועט חצות איצט
דער אַלטינקער רב.
און הינטערן שטעטל
גייט אָן אַ פאַרזאַמלונג:
עס הערן זיך לידער
פון הייליקן שטרייט״.
און איך נאָך אַ אינגל,
איך האַלט דאָרט אַ רעדע:
„דער מזרח ווערט ליכטיק״,
„דער טאָג איז ניט וויַט...״

II

אַ ליטוויש װעלדעלע דרעמלט.
די לופט איז יונג-זומערדיק — קיל ;
אין שטעטעלע שלאָפן שוין אַלע.
אפילו די כוואַליעס ביים מיל.
אין שיין פון אַ פולער לבנה :
ישראל'קע, דעם רבי'נס א זון,
דערקלערט זיך אין ליבע צו כאַנטשע'ן,
אַ מויד, ווי די ליכטיקע זון.

און איינמאָל באַגינען, ווען אַלע
אין שטעטעלע האָבן דערוואַכט —
געפעלט האָט אין שטעטל ישראל'קע :
מען האָט אַרעסטירט אים ביינאַכט...
פון קיינעם פון זיינע חברים,
חוץ שווערדן, צוויי בלאָנקע, באַגלייט.
אפילו די טריט אינם זאַמד
ט'א ווינטל פון צפון פאַרווייט.

רב פנחס, דער חומש-מלמד,
האָט זיך מיט זיין עקרה געגט.
אַביסל האָט כאַנטשע געקוויינקלט,
דאָך האָט מען איבערגערעדט :
„...אַ למדן אַ איד, אַ בעל קריאה,
און האָט נאָך אַן אייגענע ציג!..."

די מלמד'קע איז זי אין שטעטל
און וויגט זיך אַ קדיש אין וויג...

שבת תרצ״ח

אין קברות-שטיבל
אויפגעדריקטע —
וויינען קינדער
האַלב דערשטיקטע.
פון ערגעץ שוועבט
אַ — פריילעך ניגון
און אַ ברומען:
לכה דודי
לקרת כלה!
שבת קודש
איז געקומען.
די שבת׳דיקע פרייד
האָט גלייך
פאַריאָגט די מורא.
עס לייכטן פנים׳ער
מיט הייליק שיין
פון נשמה יתירה.
— ווער האָט אַ סקאָרינקע?
צעברעכטע אידן,
עס אויף צווייען!
צוויי חלות!
...יום השישי!
אַ לויב צו אים
וואָס דערהערט
דעם אידנ׳ס ווייען.
די ברעקלעך שמעקן
ווי שבת׳דיקע שפייזן.
אַ נס! וואָס שבת קודש
קען באַווייזן.
ווי שבת׳דיקע ליכט
די אויגן שיינן...
זאָגט, איז דאָ אַ פאָלק
געבענשט
ווי אידן זיינען?
די שבת-נאַכט פאַלט צו
מיט „מיר זיינען דאָ!״
באַלד קומט די גאולה-שעה!
גם כי אלך בגי צלמות
לא אירא רע...

אַ מיידעלע פון פוילן

איך בין אַ מיידעלע פון פוילן,
און מען רופט מיך פראָסט אויף אידיש: פריידל
און איך טראָג אַ צניעות׳דיקע קליידל,
נאָך אַ חתן בענק איך — שיין און איידל.
אַ שאָלטאַק? — וועט איר ביי מיר ניט פועל׳ן,
איך בין אַ מיידעלע פון פוילן.

איך בין אַ מיידעלע פון פוילן,
זינג פון אידישע פּאָעטן לידער,
לייען אַ מעשה-ביכל ווי אַ סידור,
און איך בענק נאָך מיינע שוועסטער-ברידער.
זיי פאַרגעסן? — ט׳איר ביי מיר ניט פויעל׳ן,
ווייל איך בין אַ מיידעלע פון פוילן.

קומט חנוכה שפּיל איך אין דריידל,
זאָגט הגדה פּסח, עס אַ קניידל.
שבועות מאַך איך בלינצעס, טראָג אַ קווייטל,
און אַ חתן וויל איך שיין און איידל.
אַן עם הארץ וועט איר ביי מיר ניט פועל׳ן,
ווייל איך בין אַ מיידעלע פון פוילן.

איך בין אַ מיידעלע פון פוילן,
שמחת תורה טאַנץ איך, ס׳איז מיר פריילעך,
טו זיך אָן אַ יום-טוב׳דיקן היילעך
און אַ מאַן וועט זיין ביי מיר אַ מלך.
אויב אַ קענער —קענט איר ביי מיר פועל׳ן,
ווייל איך בין אַ מיידעלע פון פוילן.

דער חכם

(אַ מעשה׳לע פאַר שבת נאָכן קוגל)

דער קייסער יאָסל פון גאַליציע
איז געווען אַ אידן פריינט;
דערציילן חסידים: שבת אויף זיינע

באַקן-בערד די שכינה שיינט.

ער האָט געפילט אַ טעם אין קוגל
און אין „זיס-געפילטע״ פיש;
ביי אַלע חתונות — מחותן
און אַ גאַסט אויף יעדן ברית.

גייט יאָסל זיך שפּאַצירן
ביי אַ גרענעץ פון זיין לאַנד.
ס׳איז מנחה-צייט. ער זעט: אַ אידן
מיט אַ קלומיקל אין האַנט

גאַליציעס גרענעץ שוואַרצט אַריבער.
— וואו אַנטלויפט עס איצט אַ איד?
— ווער לויפט? איך גיי, מיין קעניג, האַנדלען
אין אוקראַינע אויף יאַריד.

פרעגט יאָסל חידושדיק: — מיין גרויסע
לאַנד האָט ניט קיין ברויט גענוג?
— פאַר אַלעמען איז דאָ — זאָגט אידל,
ניט פאַר מיר. ווייל איך בין קלוג.

צעשאָקלט האָבן זיך מיט רוגזה
קייזער-יאָסל׳ס באַקן-בערד:
— דו מיינסט מיר זאָגן „אידל
מיטן אויערינגל״ — מיר זיינען פערד?!

— ווער זאָגט! — נאָר זיין באַקאַנט אַלס חכם
אין גאַליציע — איז געפאַר.
ווי קעניג שלמה האָט געזאָגט:
„ברויט גענוג האָט נאָר דער נאַר...״

צעשמייכלט האָט זיך קעניג-יאָסל,
ווייל געוואָרן שטאַרק נתפעל:
— דו ווערסט מיניסטער. מוזט מיר אָבער
ווייזן חכמה נאָך דריי מאָל.

2

אין קייזערס שלאָס העראָלדן יובלען:
— קומט מקבל־פּנים זיין אַ פערד!
ווייל רייטן וועט אויף אים פּרינצעסין
אַז ס׳וועט ציטערן די ערד!

— געפעלט דיר, אידל, אָט דאָס פערדל?
— פרעגט פּרינצעסין — גאָר ניט שלעכט!
זאָל אָבער פריער אויף אים רייטן
איינער פון דעם קעניגס קנעכט!

גערעדט האָט אידל פלירטענדיק
און זי? — געענטפערט האָט מיט פלירט!
ווען איינער פון פּרינצעסינס דינער
אויף דעם פערד האָט גאַלאָפּירט.

דאָס פערד האָט זיך צעטאַנצט, צעבריקעט,
באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ;
ביז אומגעפאַלן איז דער רייטער
און צעבראָכן זיך דעם קאָפּ.

— כ׳קום דיר מיין לעבן! — זאָגט פּרינצעסין,
גרויסער חכם פון מיין לאַנד!
— איך וועל עס גערן נעמען... ענטפערט
אידל, קושנדיק איר האַנט.

— הער, חכם! — פרעגט יאָסל
מיט אַ ציטער אין זיין קול:
— געלעבט צווישן פערד, מסתמא?
— ניין! — דאָס איז צום ערשטן מאָל.

— פון וואַנען ביסטו אזא מבין?
— ווייל איך בין, זאָגט מען ניט קיין נאַר!
אַ פערד איז ווי אַ מענש: אָן יחוס
און אָן תורה — שמעקט געפאַר!

האָסט דען דעם סוסילס פּעדיגרי?
ווער איז דער טאַטע פון דעם בן?
אין וועלכן חדר ער איז געגאַנגען?
ווער זיין רבי איז געווען?

צעשמייכלט האָט זיך קעניג יאָסל.
און עס ווינקט פּרינצעסינס בליק.
און פון קופערס גאָלד־און־זילבער
קריגט דער חכם אַ קופער־שטיק.

אין דער האַנט די קופּערנע מטבע,
בוקט דער חכם זיך צום קרוין,
טראַכט פון שלמה׳ס קלוגע ווערטער:
דאָס איז חכמה און איר לוין...

3

מען יובלט ווידער שוין אין פּאַלאַץ,
מען באַפּוצט אַ נייעם טראָן.
— זאָג מיר אידל, פרעגט דער קעניג,
איז ער ווערט ביי אַ מיליאָן?

— ניין!
— ביסט געווען אַ דימענט-סוחר?
גיב אַ קוק אין מיקראָסקאָפּ!
— ווער דאַרף עס האָבן, גרויסער קעניג?!
איך האָב חכמה אין מיין קאָפּ!

די דימענטן פון דער דיאַדעמע
איך דערקען זיי מיט מיין בליק!
זיי זיינען קאַלטע-דימענט-אָפּפאַל,
ניט געשניטן פון איין שטיק.

זיי זיינען פרעמדע. ניט קיין ברידער
וועלכע קומען פון איין טראַכט.
ווי קענען זיי פאַרשפרייטן שלום
אַז זיי קומען פון אַ שלאַכט?

דער דימענט-הענדלער האָט צוזאַמען
זיי געקליבן אויף דער ערד.
און אָפּפאַל, ווייסט אַ יעדער פויער,
אַז עס האָט ניט קיין שום ווערט.

צעשמייכלט האָט זיך קעניג יאַסל:
— חכמה איז אַמאָל אַ גליק!
און פון דעם קופּערט גאָלד און זילבער
קריגט דער חכם נאָך אַ קופּער-שטיק.

אין האַנט די קופּערנע מטבע,
בוקט דער חכם זיך צום קרוין;
טראַכט פון שלמה׳ס קלוגע ווערטער:
דאָס איז חכמה און איר לוין!

4

— צוויי מאָל האָסטו געטראָפן, זאָגט יאָסל,
פונקט אין פּינטעלע אַריין!
איצט זאָג מיר: וויפיל יאָר נאָך
מיין דינאַסטיע וועט זיין?

און אידל ענטפערט:
— דיין געבוירנטאָג
איז געווען דיין ענד!
דער חכם איז געוואָרן בלאַס
און דעם קייזערס באָרד האָט זיך צעברענט:

— דו מיינסט מיר זאָגן... איך... אַ ממזר?
גאָט האָט מיך ניט אויסדערוויילט?
פאַרלירסט דיין קאָפּ! ווייל ס'האָט מיין מוטער
דיר איר סוד דאָך ניט דערציילט.

— האַלט איין צאָרן און לייג דיין שווערדל
אין איר שייד צוריק אַריין!
— מורמעלט אידל — פרעג דיין מאַמען
אפשר וועט זי מודה זיין?

לויפט קייזער יאָסל צו זיין מוטער
און זיין שווערד פון שייד ער ציט:
— דעם אמת מוזט מיר זאָגן: בין איך
יאָ דעם קעניגס זון צו ניט?

— ניין!
ענטפערט אים די קעניגין:
ס'איז דיין טאַטע: מייסטער פונם שטאַל.
די קעניגין האָט ניט געזינדיקט...
ס'איז געווען אַזאַ מין פאַל:

ס'איז אַוועק אין קריג דער קעניג.
זיין בן יחיד האָט גערויבט אַ פיינט.
האָב איך דיך דאַן דערצויגן —
איך געדענק עס פונקט ווי היינט.

מיין זון האָט אויף זיך געטראָגן
אַ מעדאַליאָן — מיין פּאָרטרעט.
די באַקן-בערד געציטערט האָבן
ווען די קעניגין האָט גערעדט.

5

— הערסט, אידל מיטן אוירינגל,
האָסט מיין קרוין געמאַכט צו שאַנד!
מיט שכל קען מען עס ניט ווּיסן,
סיידן ביסט אַ קלאַרוויאַנט!

דאָס אידל מיטן אוירינגל
האָט געבוקט זיך צו דער ערד:
— די חכמה וואָס גאָט האָט מיר געגעבן
האָט דעם סוד מיר באַלד דערקלערט:

ווען דו האָסט אויסגעהערט מיין חכמה
און מיט קופּער מיר באַצאָלט;
דיין האַרץ האָט ניט דערלאָזן געבן מיר
אַ שטיק זילבער אָדער גאָלד —

פאַרשטאַנען האָב איך, אַז דו קעניג —
האָסט קיין טראָפּן קעניגלעכע בלוט;
און אַז דיין טאַטע האָט געמוזט זיין
בלויז אַ שמייסער מיט אַ רוט...

אַזוי גערעדט האָט אידל מיט די בליקן
צו דעם שווערד אין יאָסל׳ס הענט;
די קעניגען איז אַנגעקומען:
איר בן־יחידל דערקענט.

פאַררויטלט האָבן זיך די באַקן־בערד
פּונקט ווי פּסחדיקער וויין....
געטראַכט האָט אידל: —
דעם נאַר פאַרזעצן
און אַ חכם זאָל מען זיין!

מוסר השכל: אידן!
אויב איר ווילט אַן אייגן־לאַנד,
גיט צדקה, בני מלכים,
מיט אַ פולער האַנט.


ישראל

צוויי שוועסטער

אַ תלמוד'ישע לעגענדע פאַר שבת נאָכן קוגל

יונג-מיידלשער געלעכטער
האָט יונג בחרימלעך געבראַכט
צום טאַנץ פון ציונס טעכטער
אין די גערטנער — יום-כפור-נאַכט.

די רייכע מיידלעך זינגען:
— בחור, בחור, טאַנץ מיט מיר!
האָב פיל דימענט-רינגען
מיין טאַטע איז אַ גרויסער גביר!

מיט שטאָלץ, איר האַלז פאַריסן,
ווינקט אַן אָרעם מיידל: — טאַנץ מיט מיר!
איר, בחרים, מעגט עס וויסן:
מיין טאַטע איז פון פני-העיר!

אַ מיידל מיט פייער-אויגן
זינגט: ווער ס'איז רייך און איך בין שיין!
איר ענטפערט ניט קיין שיינע
איינע: „פוסטע שיינקייט — פאַלשער חן״!

די שוועסטער חנה, פנינה
טאַנצן, פלירטן מיטן יונגן דור,
צום טאַקט פון דער נגינה.
צום געזאַנג פון בית המקדש כאָר.

פאַרשייטער טענצער נתן,
טאַנצט מיט פנינה, דריקט זי צו זיין ברוסט:
— זאָג, קען איך זיין דיין חתן?
פנינה חנ'דעלט. ענטפערט מיט אַ קוש.

ב

קיין יאָר איז ניט פאַרשוואונדן,
נתן פילט: זיין ווייב האָט אים באַטריבט:
אין הארצן וויינען וואונדן:
— ניין! ניט דיך! דיין שכן פנינה ליבט.
דו האָסט איר הארץ געוואונען
מיט דיין געלט... זי האָט דיך אויסגעלאַכט!
איר ליבע איז אויסגערונען
ווי אַ זימער חלום אין דער נאַכט...
און מיט אַ בליק אַ קאַלטן
שטעכט ער פנינה׳ס בליק וואָס בעט גנאָד:
אוי, ניט געקענט באהאלטן
האָט די צנועה פנינה — מער איר סוד.
וויינט נתן מיט אַ ציטער:
— מאָרגן פאַרן כהן וועסטו שטיין.
דאָס וואַסער וואָס איז ביטער
וועט דערציילן: זינדיק אָדער ניין?
ניט האָבנדיק קיין ברירה
פאַר איר שוועסטער פאַלט זי מיט געוויין.
טרייסט חנה: — האָב קיין מורא!
איך וועל צו דעם כהן גדול גיין!

ג

אין פנינה׳ס שווארצן שלייער
חנה פאַר דעם כהן גדול שטייט.
די ביטער וואַסער מיטן
שם המפורש אויסצוטרינקען גרייט.
דער כהן ביים מזבח
האַלט „נקמה-כוס״ אין זיינע הענט.
יהוה — אין מצנפת,
זיין פאַרטרערטער בליק צו גאָט געווענט.
מיט פורכט רופט ער איר נאָמען,
לייענט איר די קללות אויפן קול
און חנה ענטפערט: אמן!
בייגט ער אָפּ אַ ברעג פון „שאַנדע שאַל״
טראָגט צו צו חנה׳ס ליפּן
אָט דעם „גאָט פון נקמה״-כוס.
און חנה מיט אַ שמייכל
טרינקט אים ביזן לעצטן טראָפּן אויס.

ד

ווען חנה איז געקומען
צו איר שוועסטער אין דער „שאַנדע-קלייד״
האָט פנינה היים גענומען
קושן חנה׳ס ליפּן. ווילד פון פרייד.
ווען פנינה האָט דעם ריח
פון דעם טויט-געטראַנק — פון חנה׳ס מויל
אַריינגעהויכט... ווי אַן כוח
אויפגעדרייט אין אַ יסורים-קנויל,
איר בלוט ווי אָנגעצונדן
מיט אַ גיהנום-פלאַם. די אויגן רויט
איר לייב צעביילט... אין וואונדן
פנינה איז אַוועקגעפאַלן טויט.

משלים

פון קאַלעלישקן מגיד

(פון תלמוד און פאָלקלאָר)

אַ ציגעלע

אַ אידענע האָט טאַנצנדיק
ברייט אויפגעפראַלט די טירן:
איר אידל האָט געבראַכט פון מאַרק
אַ ציגעלע צופירן.
און איידער זי נעמט מעלקן
טוט זי זיך מיט איר אַ באַלעווע.
זי מעלקט און מעלקט... אוי, גוואַלד!
די ציג איז גאָר אַ יאַלעווע.
ווערט ברגז׳דיק די אידענע
און נעמט פון אידלען לאַכן.
האָט ער געענטפערט חכמה׳דיק
און געטאָן איר מויל פאַרמאַכן: —
— דו אידענע! דו נאַרישע!
וואָרום זאָלסטו פאַרגעסן:
אַ ציגעלע האָט אויך אַ מאָגן!
און אַ מאָגן וויל דאָך עסן.
הער זיך צו מיין טייערע
זאָלן מיר ביידע אַזוי לעבן
ווי אַ הונגעריקע ציגעלע
זי קען קיין מילך ניט געבן!...

האוחז ביד

(אַ ווילנער מעשה׳לע)

אַ איד געקראַנקט האָט אַ שטעכעניש
אין האַרצן... ניט פאַר מיר און אייך געדאַכט.
גערופן האָט מען גלייך רב שעפּסל רופא
אויסגעפינען וואָס דער טאַטע מאַכט.

דער רופא האָט דעם חולה׳ס האַנט געטאַפּט...
געטאַפּט... און גלייך פאַרשריבן אַ געטראַנק.
שרייט אויס דער קראַנקער איד: וואָס טאַפּסטו רופא
מיר די האַנט? ווען גאָר מיין האַרץ איז קראַנק?!

ס׳איז אמת! — ענטפערט שעפּסל רופא —
אַז דיין האַרץ איז קראַנק,
נאָר אונז דאָקטוירים, איז באַקאַנט:
וואָס עס טוט זיך אין אַ אידנ׳ס האַרץ —
קען מען אויסגעפינען פון זיין האַנט...

דער שטראָף פאַר לשון הרע

דעם כבוד פון אַ אידן,
טאָרסטו, איד, נים רויבן,
און רעד קיין שלעכץ אויף אים
וואָס איז נים פון דיין גלויבן.

אַפילו פון דיין פערדל
טאָרסטו, איד, נים לאַכן!
ווייל חיים באַלעגאָלע
פלעגט נאָר חוזק מאַכן:

— דו קענסט די פיס דען שלעפן?!
פגירה! דו שטיק-צרה!
האָט גאָט אים מורא׳דיק באַשטראָפט
פאַר רעדן לשון הרע!

ס׳האָט חיים באַלעגאָלע
זיין שטיק ברויט פאַרלאָרן:
ווייל — ווען וועט עס גלוסטן
מיט אַ פּגירה פאָרן?

דער אָקס האָט אַ טענה

— אַ יחסנטע מיין קיעלע!
איר מילך האָט אַלע טעמ'ען!
דאָך זאָגט אַליין: מיט מיינע ברוסט-פלייש
קען מען זיך פאַר'סמ'ען?
פאַרוואָס שלאָף איך אין אָפן פעלד
און זי? — עלעקטריק! סאַניטאַרישקייט!
— הער, אָקס! דו האָסט אַ לאַנגן צונג
און רעדן רעדטסטו נאַרישקייט!
געענטפערט האָט דער מענש: געוויס!
וואָס קען פון פלייש זיין בעסער?
צו קריגן אָבער פלייש פון דיר
מוז איך אָנשאַרפן מיין מעסער...
דערפאַר אָבער די קיעלע —
זי טוט איר מילך אונז געבן
ביי איר לעבן...

רחמנות אונטער אַ פּערענע

אַ ווינטער־נאַכט. עס טראָגט
אַ שניי־געוויטער.
מען קלאַפּט אין טיר.
אַ שטימע ציטערט:
— אוי, עפנט מענשן!
אוי, האָט רחמנות!
עס ברענט דער פראָסט
ס'איז לעבן ־סכנות!

— דו הערסט, מיין ווייב?
— זאָגט אידל — בנאמנות
עס איז אויף אים
אַ גוואַלדיקער רחמנות!

— דו ליגסט, מיין מאַן,
אין פּערענע באַגראָבן
און רעדסט בעל־רחמים
פון רחמנות האָבן?
געענטפערט האָט זיין
פרומע ווייב מיט צאָרן —
די טיר גיי עפן!
אַ איד ווערט איינגעפראָרען!

ווי איינגעשלאָפן פּלוצים
איז דער פראָסט־געוויטער
אַ טויטע שטילקייט —
אַ נשמה־ציטער...
ברוך דיין אמת!

צווישן קאַניבאַלן, פיר־פיסיקע און צוויי־פיסיקע חיות

אַ קצב פון דעם בראָנקסער „זו”
אַ שליידער מוט אין אייזן־שטייג
אַ זייטל פלייש און פראַלט אַרויס:
— הער אויף צו גראַמבלען! פרעס און שווייג!

מוט לייבעלע אַ זיפץ: — אַמאָל,
ווען איך האָב אַ ציג צעפליקט
האָט יעדער טראָפּן בלוט געשריען:
— לייבעלע, דו האָסט געזינגט!

און היינט — האָבן די צוויי־פיסיקע
די קונסט פון מאָרד פאַרכאַפּט אַליין!
און טענענדיק — ברעכט לייבל אויס
אין אַ ביטערן געוויין:

ווען איך בין פריי! ווען איך בין פריי!
אין שטיקער ריים איך מענטשן לייב!
— ווער שטייט אָבער אין שטייג? דער מענטש
צו דו?... געבאַכעט האָט זיין ווייב.

צווישן קאַניבאַלן

(אַ בראָדוויי מעשׂה'לע)

פרעגט אַ שוואַרצער
קאַניבאַל
ביי אַ ווייסן
גענעראַל:
— שוין ווידער
אַ פּאָגראָם?!
— ניין! מיר
שפּאַלטן דעם אַטאָם!
— וואָס איז דאָס פּאַר אַ מאַחענאַציע?
— כדי איר ווילדע
זאָלט געניסן
אַביסל
ציוויליזאַציע!
— דאָס זיינען מיר
דיר מוחל!
געענטפערט האָט דער
שוואַרצער קאַניבאַל
צום ווייסן
גענעראַל.
— אַוואו איז
אייער שׂכל?
ס'איז אמת!
מיר קאַניבאַלן
טויטן אויך
אַ מענשן —
האָבן מיר אָבער
דערביי אַ ציל:
מיר מאַכן פון
אים אַ סעודה...
אָבער ביי אייך
איז דאָס ניט מער
ווי אַ קינדער־שפּיל!
יאָ!
איר פּרעדיקער
פון ברודער־ליבע!
איר הרג'עט
מענשן
אָן אַ
סיבה!

דער פוקס וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן אַפּעטיט

עס האָט אַ פוקס דערשמעקט אַ גאָרטן
מיט ווײַנטרויבן פון זיסטע סאָרטן.
כאָטש דער אַרײַנגאַנג אין דעם גאָרטן
געווען ענג־פאַרצוימט, אַ קלײנער
דאָך האָט דער פוקס׳ל דורכגעבראָכן
מיט זײַנע יונגע, שאַרפע צײנער
ער האָט געשלונגען ׳ווי פון גרייטן׳
אין בינטל טרויבן נאָכן צווייטן
ביז, ביז ער איז צו פעט געוואָרן.
אַרויס — אַ קלאָג צו זײַנע יאָרן!
אַז דער אַרויסגאַנג איז אַ קלײנער
און אײליק זײַנען זײַנע צײנער.
דער פוקס איז נעבעך לאַנג געזעסן
ביז אויסגעקרענקט דאָס גאַנצע עסן...
ער איז צוריק געוואָרן מאָגער —
פון צער־פאַרגאַנגען אין אַ קלאָג ער.
ער האָט זײַן רוקן־בײן צעבראָכן
און מיטן לעבן קוים אַרויסגעקראָכן

דער מחיה מתים איד

גייט אַ איד אַליין אין וועג
וואָס דערזעט ער? אַ געשלעג
צווישן פויגל ביי אַ פלויט
פאַר אַ קראַשיק טרוקן ברויט
ביז — געפאַלן איינע טויט.
חאַפט אַ חברטע אַ גרעזעלע
לייגט עס צו דער טויטנס נעזעלע.
ווי זי האָט אַ שמעק געגעבן
האָט זי אָנגעהויבן לעבן.
נעמט דער איד דאָס גרעזעלע
פון דעם פייגל׳ס נעזעלע
לייגט אין קלומיקל אַריין
און — גייט מחיה מתים זיין...
גייט דער איד און זעט: אין שטויב
ביים וועג ליגט אַ טויטער לייב —
נעמט ער גלייך אַרוים די גראָז
טראָגט עס צו דעם לייב צום נאָז.
עפנט אויף דער לייב זיין מויל —
נעמט דעם אידן דורך אַ גרויל.
וואָס קען העלפן וויינען, קלאָגן?
ר׳האָט אויף גיך זיך אָפּגעטראָגן.

מוסר השכל:
ווייס דער קלוגער ווי דער נאַר
אַ טויטער לייב איז קיין געפאַר.

רבי עקיבא׳ס מעשה׳לע פון אַ פוקס

עס האָט אַ פוקס דאָס שעפּסן־פלייש דערעסן,
(עס ווערן קרעפּלעך אויך דאָך צוגעגעסן)
איז ער אַוועק צום ברעג פון נאָענטן טייכל,
אַ פיש אַריינצונאַרן פאַר אַ מאכל.

דער כיטרער פוקס האָט אָנגעשאַרפט זיין צינגל
צום פלויושקענד פישל אין דעם וואַסער־רינגל:
— קום פישעלע אַרויס מיט מיר שפּאַצירן.
איך וועל אין פרייער וועלט דיך פירן...

געענטפערט האָט דאָס פישל אָן הכנות:
— מה דאָך אין וואַסער בין איך אין סכנות,
וואו קלאָר מיר זיינען אַלע גלייכע־שטעגן,
אַ פשיטא שוין אויף קרומע וועגן...

ראש השנה

אַ וויכוח פֿאַר ונתנה תיקף

רב אליהו פֿון ווילנע זאָגט:

ווען איך בין גאָט — וואָלט איך
געפֿירט די וועלט מיט רעכט:
דעם צדיק זאָל זיין וואויל,
דעם רשע זאָל זיין שלעכט.

רב לוי יצחק פֿון באַרדיטשעוו זאָגט:

ווען איך בין גאָט — וואָלט איך
ניט אויפֿגערייצט די בלוט.
און סיי דעם רשע —
סיי דעם צדיק זאָל זיין גוט.

רב ברוך שפּינאָזע זאָגט:

ווען איך בין גאָט — וואָלט איך
געגעבן צען געבאָט
און וואָלט געפֿירט די וועלט
אָט פּונקט ווי גאָט.

יום כפור

פאַר כל נדרי

(אַ דרשה פון קאַלעלישקער מגיד)

שלמה המלך האָט געזאָגט:
...דעם מענש נשמה איז גאָטס שיין
וואָס לייכט אין פינסטערניש פון זיין.
טאָ היט זי מיטן גאַנצן וועזן
דער שטן זאָל זי ניט פאַרלעשן.
אַזוי האָט שלמה מלך ישראל געזאָגט:
נר ד׳ נשמת אדם...
דאָ האָט דער מגיד ווי דער דובנער
דעם פסוק אילוסטרירט
מיט אַ מעשה׳לע
וואָס האָט מיט אים אַליין פּאַסירט:
...אַ שטילקייט אין געריכט, ווי פאַר
די תקיעות ראש השנה
מען הערט קוים אַ געוויין פון די
יתומים און אלמנה.

נאַכט היטער:
...אין חושך פון דער נאַכט האָב איך
געשאָקלט די לאַנטערן:
— לויף, מענש! אַ צוג צוגט אָן — נאָר מענש
האָט ניט געוואָלט מיך הערן!

ריכטער:
— זאָג, היטער! ווען דו האָסט אין יענע
חושכ׳דיקע שטונדן
געשאָקלט די לאַנטערן האָסטו זי
פריער אָנגעצונדן?
היטער:
— ניין!
דער ריכטער בליצנדיק האָט ווי
אַ דונער אויסגעשאָסן:
— וואָס טויג דאָס שאָקלען די לאַנטערן
אַז די ליכט איז אויסגעלאָשן?
מוסר השכל: מענש!
בעפאָר דו הייבסט דיך אָן צו שאָקלען
דיין נשמה-ליכט צינד-אָן
יצר הרע׳ס צוג צוגט אָן!

יזכור

מיין טאַטע האָט געהיט די מצוה
וואָס גאָט באַצאָלט מיט לאַנג יאָרן,
דאָך ווי אַ זאַנג אין מיטן בליען
האָט אים די קאָסע אָפּגעשוירן

יום כפור פלעגט ער פאַרגיסן טרערן,
באַוויינט דעם טויט פון אהרונ׳ס קינדער.
און זיינע זין און טעכטער האָט מען
אויסגעשאָכטן ווי די רינדער.

מיין טאַטע האָט געשפּאָלטן הימלען
מיט זיין אחד און ליב-געזאַנגען;
אין הימל האָט די זון געלויכטן
ווען רשעים האָבן אים געהאָנגען.

גאָטס דרכים זיינען דאָך גערעכטע,
פאַרבאָרגן זיינען זיינע וועגן;
ער שטראָפט דעם צדיק ווי דעם רשע —
ווער איז אַ איד ער זאָל נאָר פרעגן?

ס כ ו ת

קהלת

ווער בין איך — איך בין
די 'קרוין פון וועלט-באַשאַף.
—הבל הבלים!
ביסט מער ניט ווי אַ שקלאַף
אַ שקלאַף פון ליבע
און אַ שקלאַף פון האַס,
פון עץ החיים און פון עץ הדעת.
דער פרומער איז אַ שקלאַף
ביי דעם 'מעטאַרניט',
דער אפיקורת שקלאַפט
ביי 'אַלצאַיזגאַרניט'.
דער ווילדער איז אַ שקלאַף
פון דער נאַטור,
ציוויליזירטער שקלאַפט
ביי זיין 'קולטור:
אַ שקלאַף פון גלעזל,
און אַ שקלאַף פון פרעס,
פון קנאה-שנאה
און פון סוקסעס...
אַ שקלאַף פון מפטיר
און ביי פּסיכאָאַנאַליז —
ווייל יעדער קאַרליק
וויל נאָר זיין אַ ריז...

חנוכה

אַ מעשה מיט אַן אינדיק

איר אַלע, גרויס און קליין,
איר מעגט די מעשה וויסן:
אַן אינדיק האָט אַריינגעכאַפּט
אַ פּעטן ביסן.
איז מה רעש!? — ער האָט אָבער
זיך גענומען בלאָזן.
דאָס האָט דעם כלב'ס יוכע
ניט געקאָנט דערלאָזן.
— האַוו! האַוו! האָט גלייך
זיין הינטיש מויל גענומען בילן
איר ווייסט דאָך: שווער
אַ הינטיש בילן איינצושטילן.
— האַוו! האַוו! ווייסט אינדיק,
וואָס מ'שטופּט דיר גוטע זאַכן?
ווייל... ווייל מען וועט פון דיר
אַ גרויסע סעודה מאַכן...

אַ חוצפּה פון דעם כלב
האָט אַלע גענז צעשראָקן
די פרומע הינדעלע
האָט אַזש גענומען קוואָקען.
צעגאָרגלט זיך אַ גאָנער'ל
אין מיטן סומאַטאָכע:
וואָס שווייגט איר, חברה
פון דער גענזענער משפּחה?
דער יונגער ווי דער אַלטער דור
גענומען זינגען האָט אין כאָר:
מיר דאַנקן און לויבן
זיין נאָמען דעם ליבן
מיר ווייסן: מען שטאָפּט אונז
פאַר חנוכה-גריוון;
דער שוחט וועט מאַכן
אַ הייליקע ברכה
אויף אַלע, אויף אַלע
פון אונזער משפּחה.
דערפאַר ווערט געגרייט אונז
אַ פּלאַץ אין גן-עדן...
נאַר דו — ווי אַ הונט
וועסט פון לעבן זיך שיידן.

פורים

דער שלח־מנות טרעגער

קומט, קינדערלעך, אהער וואָס שנעלער
און כאַפּט אַ קוק ביי מיר אין טעלער.
איך האָב וואָס נאָר אַ איד קען ווען
פאַר חדר־אינגלעך און געזעלן.
פאַר יאַנקעלען — אַ זיסן שמייכל.
פאַר בערעלען — אַ ביסל שכל.
פאַר חיימקען — אַ גוטע קעפל.
פאַר אידלען — אַ געבאַקטן עפל.
פאַר זיסעלען אַן אַפּעלסינע.
פאַר שראָליקן אַ אידישע מדינה.

קומט קינדערלעך, וואָס שנעלער
און כאַפּט אַ קוק ביי מיר אין טעלער:
פאַר אַרבעטער — אַ בעסער לעבן,
אַ נייעם קאָנטשיק פאַרן רבין.
קונדסים וואָס ווילן נאַשן —
פאַר אייך, אוי! האָב איך המן־טאַשן!
געפילט מיט מאָן און זיסע זאַכן.
מיט שיינע מעשהלעך — צום לאַכן.
מיט בלעטער, זייטעלעך געדיכטע
פון אונזער אידישער געשיכטע.

קומט קינדערלעך, אהער וואָס שנעלער
און כאַפּט אַ קוק ביי מיר אין טעלער:
אַטאָמיש־קראַפט, וואָס וועט אונז געבן
אַ שיינעם און אַ פרייען לעבן;
און פאַר דער וועלט — אַ נייעם שלום,
פאַר אידן — אונזער אַלטן חלום,
אַז אַלע מענשן זיינען ברידער,
פונקט ווי מיר זינגען אין די לידער:
ניט קומען זאָל שוין מער קיין המן!
טאָ, ענטפערט, קינדערלעך, מיר: אָמן!

קומט, קינדערלעך, צו מיר וואָס שנעלער
און כאַפּט אַרויס ביי מיר פון טעלער!

פסח

חד גדיאָ

ביי דעם סדר האָט מיין טאַטעניו
געזאָגט צו מיר:
פאַר דעם נביא אליהו —
עפן אויף די טיר!

כ׳האָב די טיר געעפנט
און אַ ווייסע זאַך דערזען —
אויף נאמנות, קינדער,
ס׳איז דאָס ציגעלע געווען.

חד גדיאָ חד גדיאָ דזבין אבא
בתרי זוזי — חד גדיאָ חד גדיאָ

די פסח׳דיקע קניידלעך
האָט זי גענומען שלינגען,
האָט זיך אונז קונדסימלעך
פאַרגלוסט צו זינגען:

חד גדיאָ חד גדיאָ דזבין אבא
בתרי זוזי חד גדיאָ חד גדיאָ

— דו ביסט אַ ציג אַ פשוטע
אַן קונצן און אָן דריידלעך;

הגדה זאָגן ווילסטו ניט
ביסט אויסן נאָר די קניידלעך

חד גדיאָ חד גדיאָ דזבין אבא
בתרי זוזי — חד גדיאָ חד גדיאָ!

חרוסות עסן ווילסטו ניט
און מרור איז קיין מאכל!
דו האָסט אין זינען נאָר
צו אָנשטאָפּן דיין בייכל —

חד גדיאָ חד גדיאָ דזבין אבא
בתרי זוזי חד גדיאָ חד גדיאָ

דו ביסט אַ ציג ווי אַלע ציגן
אָן קונצן און אָן דריידלעך;
הגדה זאָגן קענסטו ניט —
איז קריגסטו ניט קיין קניידלעך!

חד גדיאָ חד גדיאָ דזבין אבא
בתרי זוזי חד גדיאָ חד גדיאָ?

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
FIFTH AVENUE AND FORTY-SECOND STREET
NEW YORK 18, N. Y.

לה' ל. בארון, שלום וברכה!

יד"נ:-

שמחתי בקבלי ספרך "בחן ובאמת" קבלת ועשית
בו התבוננות מרובה. אשרי המשורר היהודי שבקה שמשורר
תענוג ועונג והמשורר העברי הבר-מזל בדורנו לזכות
שספריך יכנסו לכנוס ספרית ושואל המחשבה - והרגשה. והנני
אוהבך בעד הספר.

שלך בתודה ובהערכה
ד"ר יהושע בלוך

form 129c [xi-18-47 5m]

דער שלח מנות טרעגער

מוזיק פאַר די לידער „דער קוש״, (פון שלום סעקונדא) „ציגעלע״, (פון נחום נאָרדי) און מיין בוך „צחוק ודמעות״ (עברית מאת ז. שניאור) מוזיק פאַר די לידער : „דערפאַר״, „חתונה טאַנץ״, „ארץ ישראל״, „מזל״ און אויך פאַר די אויבנדערמאָנטע לידער קען מען באַקומען ביי :

METRO MUSIC CO.

64 Second Ave., New York